בלע״ז: היו קבועים. כלומר רביעית של ארז ותולין בהן הבהמה: וג׳ סדרים. של האונקליות זו למעלה מזו היה בכל חתיכת עץ. נתלות בהמה גדולה או קטנה: על שלחנות של שיש שבין העמודים. שעליהם מדיחין הקרבים והיה אפשר לעשותן של זהב שאין עניות במקום עשירות ולא עשאום אלא של שיש לפי שהזהב מרתיח ומסריח והשיש מקרר ומצנן. ומעמידו שלא יסריח: ו הטני. לשון ושמת בטנא דומה לסל ופיו רחב: והכוז. קיתון בל׳ ערבי קורין אלכו״ז: ב׳ מפתחות. לפתוח ב׳ מנעולים שבפשפש הצפוני: תרקב. כלי שמחזיק ג׳ קבין. ול׳ תרקב תרי וקב. ודומה היה לתרקב. אבל לא היה מחזיק אלא קביים וחצי. ושל זהב היה: אחד יורד לאמת השחי. פשפש הצפוני דתנן לקמן בא לו לפשפש הצפוני היה לו ב׳ מנעולין האחד היה למטה בפנים בתחתיתו של פתח ובא הכהן הרוצה ליכנס מכניס אמת ידו בחור שבכותל עד בית השחי שלו ופותח בידו דרך פנים והאחד פותח במפתח מיד בלא טורח כאשר כל הפתחים כיון. כמו [פסחים לז:] יעשנה

קבועין בהן) אין דיא ברעטלאך איז געוועזן אביין געזעצט אייזערנע האקין (ושלשה סדרים היה לכל אחד ואחד) אין יעדער ברעט זענען געוועזן דיא האקין דרייא פֿראנגען. איינע איבער דיא אנדערע (שבהן תולין ומפשיטין) אויף דיא האקין האט מען אויף געהאנגען דעם געשאכטענעם קרבן אונ מען האט פון אים אראפ גצוגן די פעל. אגרויסע בהמה האט מען אויף געהאנגען העכער. אונ אקליינע בהמה האט מען אויף געהאנגען נידעריגער (על שולחנות של שיש שבין העמודים) צווישען דיא זיילן זענען געשטאנען טישען פון מארמער שטיין. אויף דיא טישען פלעגט מען אפ וואשין דיא קישקעס פון קרבן ועיין נוסח אחר ותוי״ט: ו (מי שזכה בדישון מזבח הפנימי והמנורה) דער כהן וואס האט זוכה געוועזן אראפ צוא נעמען דיא אש פון איגוויינסטען מזבח. אונ רייכערין דיא קטורת. אונ דער כהן וואס האט זוכה געוועזן ריין צוא מאכין דיא מנורה. אונ אן צו צינדען איר (היו מקדימין) זענען גינאנגען פאר אוים (וארבעה כלים בידם) אונ זייא האבען געהאלטין פיר כלים אין דיא הענט (הטני) אקארב (והכוז) אקריגעל (ושתי מפתחות) אונ צווייא שליסלען (הטני דומה לתרקב גדול של זהב) דיא קארב איז געוועזן פון גאלד. אונ זיא איז געוועזן גרויס אזו ווי אכלי וואס אין איר גייט אריין דרייא קבין. פון דעסטוועגין (מחזיק קביים וחצי) האט זיא נאר געהאלטין צווייא מיט אהאלבין קב (והכוז דומה לקתון גדול של זהב) דער כוז איז געוועזן פון גאלד. ער האט אוים געזעהן אזוי וויא אגרויסער קרוג (ושתי מפתחות אחד יורד לאמת השחי) אונ דער כהן האט געהאט צווייא שליסלען. ווייל אין דיא טיר איז געוועזן צווייא שלעסער. איין שלאס איז געוועזן אינוויינג. אונ בייא דיא טיר איז געוועזן אין וואנט אלאך האט ער געדארפט אריין שטעקן דיא האנט ביז צום ארעם אינוויינג אריין אויף צו שליסען דעם אינווייניגסטען שלאס (ואחד פותח כיון) אונ איין שלאס האט ער באלד געעפֿענט אויס ווייניג: ז (בא לו לפשפש הצפוני) אונ ער איז געקומען צוא דיא קליינע

בדפוס ויקבעגס כיון . כלומר מכה בלא טורח : ושני פשפשין היו לו לשער הגדול . הוא שער ההיכל והיו לו דלתות בתחלת עובי הכותל שהיה עוביו שש אמות ודלתות אחרות לסוף עוביו לצד פנים וב׳ פשפשין הנך ב׳ פתחים קטנים אחד מימין השער הגדול ואחד משמאלו רחוק קצת מן השער . אותו שבדרום כתיב סגור יהיה לא יפתח . בשל עתיד . ומסתמא כן היה בבית עולמים . הכל פשפש שבצפון היה פותחו על ידי חור שהיה מכניס בו ידו עד השחי והיכה ידו בפנים וע״י מנעול אחר שהו שנפתח לאחר בלי טורח : ופותח הפשפש ונכנס משם לתא . והיא לשכה אחת שפתוחה להיכל : ומן התא נכנס להיכל . והולך בחלל ההיכל עד השער הגדול שבסוף עובי הכותל מבפנים ופותחו . ובא לו אל שער השני ועומד בפנים ופותחו : נגר . בריח שמבריח מקצה הדלת לקצה הדלת . פי׳ אחר נגר . היינו היתד הנעוץ לאחורי הדלת בנקב שבאסקופה : ואת הפותחות . המנעולים והמסגרות :

לפשפש הצפוני . ושני פשפשין היו לו לשער הגדול אחד בצפון ואחד בדרום שבדרום לא נכנס בו אדם מעולם ועליו הוא מפורש על ידי יחזקאל (יחזקאל מד) ויאמר אלי ה׳ השער הזה סגור יהיה לא יפתח ואיש לא יבא בו כי ה׳ אלהי ישראל בא בו והיה סגור . נטל את המפתח ופתח את הפשפש נכנס לתא ומן התא אל ההיכל עד שהוא מגיע לשער הגדול . הגיע לשער הגדול העביר את הנגר ואת הפותחות ופתחו . לא היה שוחט השוחט עד ששומע קול שער הגדול שנפתח

טיר וואס אין צפון זייט (ושני פשפשין היו לו לשער הגדול) אונ דער גרויסער טויער פון היכל האט געהאט צוויא קליינע טירען (אחד בצפון ואחד בדרום) איין טיר אין צפון זייט אונ איין טיר אין דרום זייט (שבדרום לא נכנס בו אדם מעולם) אין דיא טיר פון דרום זייט איז קיין מענטש קיין מאהל ניט אריין געגאנגען . דיא טיר איז אייביג געוועזן פאר שלאסין (ועליו הוא מפורש על ידי יחזקאל) אויף דיא טיר איז געזאגט געווארין דורך יחזקאל הנביא (ויאמר אלי ה׳ השער הזה סגור יהיה לא יפתח) יחזקאל הנביא דער ציילט . גאט האט צו מיר געזאגט דער טויער זאל זיין פאר שלאסין ער זאל ניט געעפונט ווערין (ואיש לא יבוא בו) אונ קיין מענטש זאל ניט אריין קומען אין איהם (כי ה׳ אלהי ישראל בא בו) ווארום גאט וואס ער איז דער גאט פון דיא יודין וועט קומען דורך דעם טויער (והיה סגור) זאל ער זיין פאר שלאסין (נטל את המפתח ופתח את הפשפש) ער האט גענומען דעם שליסעל אונ האט אויף געשלאסין דיא טיר (נכנס לתא) אונ ער איז אריין געגאנגען אין אשטוב (ומן התא אל ההיכל) אונ פון דיא שטוב איז ער אריין געגאנגען אין היכל (עד שהוא מגיע לשער הגדול) ביז ער איז געקומען צו דעם אינווייניגסטען גרויסען טויער (הגיע לשער הגדול) אז ער איז געקומען צום גרויסין טויער (העביר את הנגר ואת הפותחות) האט ער אראפ גענומען דעם ריגעל מיט דיא שלעסער (ופתחו) אונ ער האט געעפינט (דער היכל האט געהאט צוויא טויערין . איין טויער איז געוועזן ביא דיא גרעב פון וואנט אויס ווייניג . אונ איין טויער איז געוועזן ביי דיא גרעב פון וואנט אינווייניג . אונ דער שלאס פון אויס ווייניגסטען טויער . איז געוועזן אינווייניג צווישען ביידע טויערין . אונ דער שלאס פון אינווייניגסטען טויער . איז געוועזן אין היכל . האט מען פריער גימוזט אריין קומען אין היכל דורך דיא קליינע טיר . אונ מען האט אויף געשלאסין דעם אינווייניגסטען טויער . דער נאך האט מען אויף געשלאסין דעם אויס ווייניגסטען טויער) (לא היה שוחט השוחט עד ששומע קול


ייינ

ח מיריחו היו שומעים קול שער הגדול. ומירושלים עד יריחו עשר פרסאות: המגריפה. מין כלי נגון שהיה במקדש עשרה נקבים היו בו וכל אחד ואחד מוציא מאה מיני זמר. וקולו נשמע עד למרחוק: בן קטין הם אדם וכ"ג היה ועשה גלגל לכיור לשקעו בבור שלא יהיו מימיו נפסלים בלינה. שכל דבר שנתקדש בכלי שרת נפסל בלינה וביוצא ובטבול יום. וכשהיו מעלים אותו מן הבור לקדש בו ידיהם ורגליהם: היה קול הגלגל נשמע עד יריחו: גביני כרוז: כהן ששמו גביני שהיה מכריז בכל בקר בבית המקדש עמדו כהנים לעבודתכם: חליל. ללמיללי"ם בלע"ז בערבי מזמ"ר. וקולו נשמע למרחוק. ויש אומרים פיפר"י בלע"ז: צלצל. למבל"י בלע"ז: מכוור. שם מקום: ובאחרונה

שנפתח: **ח** מיריחו היו שומעין קול שער הגדול שנפתח. מיריחו היו שומעין קול המגריפה. מיריחו היו שומעין קול העץ שעשה בן קטין מוכני לכיור. מיריחו היו שומעין קול גביני כרוז. מיריחו היו שומעין קול החליל. מיריחו היו שומעין קול הצלצל. מיריחו היו שומעין קול השיר. מיריחו היו שומעים קול השופר. וי"א אף קול של כ"ג בשעה שהוא מזכיר את השם ביום הכפורים. מיריחו היו מריחים ריח פיטום הקטרת. א"ר אליעזר בן דגלאי עזים היו לבית אבא בהר מכוור. והיו מתעטשות

---

שער הגדול שנפתח) דער שוחט האט ניט גיטארט שעכטן דעם תמיד ביז ער האט גיהערט דעם גערויש פון דעם גרויסען טויער אז ער ווערט גיעפינט: ח (מיריחו היו שומעין קול שער הגדול שנפתח) אין יריחו האט מען גיהערט דעם גערויש פון דעם גרויסען טויער אז מען האט אים גיעפינט (פון ירושלים ביז יריחו איז גיוועזן צעהן מייל) (מיריחו היו שומעין קול המגריפה) ווען מען האט געשפילט אין בית המקדש אויף דיא כלי וואס הייסט מגריפה. האט מען גיהערט דיא שטימע אין יריחו (מיריחו היו שומעין קול העץ שעשה בן קטין מוכני לכיור) אין יריחו האט מען גיהערט דעם גערויש פון דעם הילצערנעם ראד וואס בן קטין האט גימאכט ביי דעם כיור (עיין פ"א מ"ד) (מיריחו היו שומעין קול גביני כרוז) ווען דער כהן וואס הייסט גביני האט גיוועקט אין דער פריא אין בית המקדש דיא כהנים זאלין אויף שטיין צוא טאהן דיא עבודה. האט מען גיהערט זיין קול אין יריחו (מיריחו היו שומעין קול החליל) ווען מען האט געשפילט אין בית המקדש אויף דעם חליל האט מען גיהערט דעם קול אין יריחו (מיריחו היו שומעין קול הצלצל) ווען מען האט געשפילט אין בית המקדש אויף דעם צלצל. האט מען גיהערט דעם קול אין יריחו (מיריחו היו שומעין קול השיר) ווען דיא לוים האבען גיזונגען אין בית המקדש. האט מען גיהערט זייער קול אין יריחו (מיריחו היו שומעין קול השופר) ווען מען האט גיבלאזין שופר אין בית המקדש. האט מען גיהערט דעם קול פון שופר אין יריחו (ויש אומרים אף קול של כהן גדול בשעה שהוא מזכיר את השם ביום הכפורים) אונ אנדערע זאגין ווען דער כהן גדול האט גיזאגט אום יום כפור דעם שם המפורש. האט מען גיהערט זיין קול אין יריחו (עיין תי"ט) (מיריחו היו מריחים ריח פיטום הקטרת) אין יריחו האט מען גישמעקט דעם ריח פון דיא קטרת וואס מען האט גיריכערט אין בית המקדש (אמר רבי אליעזר בן דגלאי) רבי אליעזר בן דגלאי האט גיזאגט (עזים היו לבית אבא בהר מכוור) מיין טאטע האט גיהאט ציגען אויף דעם בארג מכוור (והיו מתעטשות מריח פטום הקטרת) פלעגין זייא ניסען פון דעם ריח פון די קטרת וואס מען האט גיריכערט אין בית המקדש:

מריח פטום הקטורת: **מ** מי שזכה בדשון מזבח הפנימי נכנס ונטל הטני. והניחו לפניו. והיה חופן ונותן לתוכו. ובאחרונה כיבד את השאר לתוכו והניחו ויצא. מי שזכה בדישון המנורה נכנס ומצא שתי נרות מזרחיות דולקי׳ מדשן את השאר ומניח את אלו דולקים במקומן. מצאן שכבו. מדשנן

**מ** ובאחרונה. שלא היה רק מעט דשן. ולא היה יכול ליקח בחפניו כיבד אחר כדשן לתוך הטני: והניחו. לטני שם ויצא. אבל מיד לא היה מוציאו שכיון שצריך לתת הדשן אצל המזבח קדמה כמו דשן המנורה ממתין עד לאחר זריקת התמיד שהיה עושה הטבת שתי נרות וגומ׳ השלמת דשן המנורה. ואז היה שנכנס מוציאו הטני יחד הכח והופכין הדשן במקום אחד אצל המזבח. ונבלעים שם במקומן: ומצא שתי נרות מזרחיות דולקים. האי תנא סבר מנורה מזרח ומערב היא מונחת ופעמים שמוצא גם השאר דולקים ונקט שתי נרות מזרחיות דולקים משום דשאר נרות אפילו דולקים מכבן ומדשן ואלו שתי נרות אם מצאן דולקים. אינו מכבן. ועוד משום דקתני בסיפא מצאן שכבו לאלו מזרחיות.

**מ** (מי שזכה בדשון מזבח הפנימי) וועלכער כהן עס האט זוכה געווען ער זאל אראפ נעמען די אש פון דעם אינוויינגסטען מזבח (נכנס ונטל הטני) איז ער אריין געגאנגען און די שטוב ווא די כלים זענען געלעגן. און האט גענומען פון דארטין אקארב (והניחו לפניו) און ער האט געשטעלט די קארב נעבין מזבח (והיה חופן ונותן לתוכו) און ער האט גענומען מיט די הענט די אש פון מזבח און האט אריין געשאטין אין די קארב (ובאחרונה) צום לעצטין אז עס איז געבליבען אביסול אש. וואס מען האט ניט געקענט נעמען מיט די הענט (כיבד את השאר לתוכו) האט ער די איבעריגע ביסול אש אריין געשארט אין די קארב (והניחו ויצא) און ער האט געלאזט שטיין די קארב אין היכל. און ער איז ארויס געגאנגען (מי שזכה בדשון המנורה) וועלכער כהן עס האט זוכה געווען אויס צו שארין די אש פון די מנורה (נכנס) איז ער אריין געגאנגען אין היכל (ומצא שתי נרות מזרחיות דולקים) אויב ער האט געטראפין די צווייא קנייטלאך וואס אין מזרח זייט האבין נאך געברענט. און די איבעריגע פינף קנייטלאך זענען שוין געווען פאר לאשין (און אפילו ער האט געפונען אלע זיבען קנייטלאך האבען נאך געברענט. האט ער אויס געלאשין פינף קנייטלאך. און די צווייא קנייטלאך וואס אין מזרח זייט האט ער געלאזט ברענען) (מדשן את השאר) האט ער ארויס גענומען די אש פון די איבעריגע פינף קנייטלאך. און ער האט ארויס גענומען די אלטע קנייטלאך. און די איבעריגע בוימאייל. און ער האט אריין געטאהן פרישע בוימאייל און נייע קנייטלאך (ומניח את אלו דולקים במקומן) און די צוויי קנייטלאך פון מזרח זייט האט ער געלאזט ברענען ביז מען האט געשאכטין דעם תמיד. נאך דעם ווי מען האט געשאכטין דעם תמיד און מען האט געשפריינגט די בלוט. האט ער די צווייא קנייטלאך אויס געלאשין. און האט ארויס גענומען די אש מיט די אלטע קנייטלאך. און די איבעריגע בוימאייל. און האט אריין געטאהן פרישע בוימאייל. און האט געלאזט שטיין געלייגט נייע קנייטלאך און האט אריין געגאסין פרישע בוימאייל. און האט געלאזט שטיין די מנורה ביז נאכט (מצאן שכבו) אז ער האט געפונען די צוויי קנייטלאך פון מזרח זייט זענען שוין פאר לאשין (מדשנן) האט ער אראפ גענומען די אש פון די שפיץ קנייטלאך און האט די קנייטלאך ארויף געצונדען (ומדליקן מן הדולקים) און האט צוריק אן געצונדען די צוויי קנייטלאך פון די איבעריגע קנייטלאך וועלכע עס האבען נאך

חוזר ומדליקן. ובשאר נרות מצאן שכבו. היינו
מדליקן עד הערב: מדשן את השאר. חמש
נרות של צד מערב מסיר מהן השמן הישן
והפתילה הישנה והדשן ונותן הכל בכוז ונותן
שמן חדש ופתילה
חדשה. ולאחר שחיטת

**ומדליקין מן הדולקים. ואחר כך מדשן**

התמיד וזריקת דמו מדשן השני מזרחיות.
ונותן בהן שמן ופתילה חדשה. והא דמפסיק
ההטבה בשחיטת התמיד וזריקת דמו. ולא
מטיבן כלן יחד משום דכתיב (שמות ל) בבקר
בבקר בהיטיבו את הנרות. אמרה תורה חלק
ההטבה לשני בקרים ועביד הטבת חמש נרות
ברישא. והדר הטבת שתי נרות משום דכיון
דאתחיל עביד רובא. והאי דלא עביד שיתא
והדר חד משום דכתיב בהיטיבו את הנרות
[אין] הטבת נרות פחות [משנים] והיינו בזמן
שאין נס. כגון לאחר שמת שמעון הצדיק.
אבל קודם שמת שמעון הצדיק שהיה נר מערבי
דולק תמיד כדרך נס כדתניא מחוץ לפרכת
העדות עדות הוא שהשכינה שרה בישראל.
נר מערבי שנותן בה שמן כמדת חברותיה
וממנה היה מתחיל ובה היה מסיים. כשהיה
בא נכנס להטיב שני נרות מזרחיות. לא היה
מדשן אלא הנר הראשון בלבד. ומטיבו ומניח
הנר השני שסמוך לו דולק עד הערב שמדליק
את הנרות וממנו מדליק כל הנרות האחרים
ואחר שהדליק שאר הנרות מטיבו ומדשנו לנר
זה בערב ומדליקו. ואע"ג דכתיב בהיטיבו את
הנרות דאין הטבה פחות משנים. הרי עדיף
טפי שלא להטיב כי אם נר א' מן הב' נרות
מזרחיות. ולהניח הנר הב' דולק. שלא
להטיבו עד הערב כדי לפרסם הנס שהוא
דולק תמיד. ומה שמטיב חמש של צד מערב
תחלה ולא חמש של צד מזרח ובסוף שתים של
צד מערב ומשם היה לו להדליק ולא עביד
הכי. משום דכתיב (ויקרא כד) להעלות נר
תמיד מחוץ לפרוכת העדות יערוך אותו לפני
ה'. אמרה תורה קבע נר להדליק ממנו שאר

נרות. ואיזה זה נר שני של צד מזרח והוא
קרוי נר מערבי דכי עייל בהיכל בהאי נר
פגע ברישא. ואין מעבירין על המצות. ואיכא
למימר באמצעית אותה הנר והוא קבוע להדליק
ממנו ובנר ראשון א"א
דהא כתיב לפני ה'
מאותו נר של צד שהוא לצד מערב.
ואין נר ראשון קרוי לפני ה': מצאן שכבו.
השנים מזרחיות. כגון לאחר שמת שמעון
הצדיק: מדשנן ומדליקן מן הדולקים. לא
שהיה נותן פתילה חדשה ושמן חדשה כדרך
הטבת הנרות שהרי לעולם אין מטיבין שתי
נרות מזרחיות אלא לאחר שחיטת התמיד.
כדי להפסיק בין הטבת חמש להטבת שתים
אלא מדשן היינו שמסיר הדשן שבראש הפתילה
הישנה ומגביהן ומדליקן. כדי להיות ניכר
יפה הפסק שבין הטבת חמש נרות לשתים.
ואם אין בנרות דולקים מדליקן ממזבח העולה:
ומדשן את השאר. זו הטבת חמש הנרות
שנותן פתילה חדשה ושמן חדש ומניחן כבויות
עד הערב שבא ומדליק. ומדשן דהכא אינו
כמו מדשן של שנים מזרחיות דלעיל. ולאחר
שחיטת התמיד וזריקת דמו חוזר ומדשן
[המזרחיות] ונותן שמן ופתילה חדשה ומניח
עד הערב כבוים. ונר שהיה קרוי מערבית
כמו כן מדשן ומסיר השמן והפתילה ישנה
ונותן שמן חדשה ומדליקה ממזבח העולה כדי
להדליק ממנה בערב הנרות האחרות שנר
מערבי הוקבע להדליק ממנו נרות אחרות וכך
כשמדליקה אם מצאה כבויה קודם שחיטת
התמיד כיון שצריך מ"מ להדליקה כשבא ומטיב
לאחר שחיטה. כך מצאתי פירוש משנה זו
בפירושי רבינו ברוך בר יצחק והוא המחוור
שבכל הפירושים. ודברי הרמב"ם במשנה זו
תמוהים מאד וגם מה שהזכיר שהטבת הנרות
היא הדלקתן והיו מדליקין הנרות של המנורה
כלן בבקר כדרך שמדליקין בערב. פליאה
נשגבה בעיני ולא שמעתי ולא ראיתי לאחד

---

ברענט (ואחר כך מדשן את השאר) דער נאָך האָט ער דיא פֿינף קנייטלאך אויס
געלאָשין. אונ האָט זייא ארויס גינומען. אונ ער האָט ארויס גינומען דיא בּוימאייל אונ
דיא אַש. אונ האָט ריין גימאַכט דיא הערלאך. אונ ער האָט אַריין גיגאָסען פֿרישע
ייל מיט נייע קנייטלאך. אונ האָט אזוי גילאָזט שטיין ביז נאַכט. אונ מען איז

את השאר. ואבן היתה לפני המנורה. ובה שלש מעלות שעליה הכהן עומד ומטיב את הנרות. והניח את הכוז על מעלה שניה ויצא:

פרק ד **לא** היו כופתין את הטלה אלא מעקידין אותו. מי שזכו באברים אוחזים בו. וכך היתה עקידתו ראשו לדרום. ופניו למערב. השוחט עומד במזרח ופניו למערב.

מרבותי שסובב כן: ואבן היתה לפני המנורה. לפי שהמנורה גבוה י"ח טפחים והיה צריך לעלות למקום גבוה. כדי להטיב את הנרות: ובה ג' מעלות. כנגד ג' העלאות שכתובות במנורה בהעלותך את הנרות. והעלה את נרותיה. להעלות נר תמיד: והניח הכוז ויצא. עד לאחר זריקת דם התמיד שאז עושה הטבת שתי נרות ונוטלו וכן חבירו נוטל את הטני וכשנוטלו השתחוה בגמר העבודה. ולא טנאיו שעדיין לא נגמר עבודתן:

פרק ד **לא** היו כופתין אותו. את התמיד בשתי ידיו לעצמן או בשתי רגליו לעצמן. כדי שלא לעשות כחק"ת העובדי כוכבים. שכך היו עושים כשעוקדין לע"ג: אלא מעקידין אותו. היד עם הרגל כעקדת יצחק: ראשו לדרום. היה כשהוא על ירך המזבח לפונה כדין עולה והיה נוטה ראשו לדרום ופניו למערב שאם ירבין

גינאנגען שעכטין דעם תמיד. דער נאך וויא מען האט שוין גישאכטין דעם תמיד אונ געשפריצט דיא בלוט האט ער אויס גילאשין דיא צוויי קנייטלאך. אונ האט זיי ארויס גינומען. אונ ער האט ארויס גינומען דיא בוימאייל מיט די אש. אונ האט ריין גימאכט דיא רערלאך אונ אריין גיגאסין פרישע בוימאייל אונ נייע קנייטלאך אונ האט זייא אויך גילאזט שטיין ביז נאכט ואונ אויב ער האט גיפונען אז אלע זיבען קנייטלאך זענען אויס גילאשין. האט ער אן גיצונדען דיא צוויי קנייטלאך פון מזרח זייט פון דעם פייער וואס אויף דעם מזבח ועיין בהרע"ב (ואבן היתה לפני המנורה) פאר דיא מנורה איז גילעגין א שטיין (ובה שלש מעלות) אין דעם שטיין איז גיוועזען אויס גיהאקט דריי טרעפ (שעליה הכהן עומד ומטיב את הנרות) אויף דעם שטיין איז דער כהן גישטאנען אונ האט ריין גימאכט דיא רערלאך פון דיא מנורה אונ האט אן גיצונדען דיא קנייטלאך (והניח את הכוז על מעלה שניה ויצא) ווען ער האט אריין גיגאסען דיא בוימאייל אין דיא פינף רערלאך. האט ער גישטעלט דעם קריגעל מיט דיא בוימאייל אויף דעם אנדערין טרעפ. אונ איז ארויס גיגאנגען פון היכל. דער נאך אז מען האט שוין געשפריצט דיא בלוט פון תמיד. איז ער אריין גיגאנגען נאך אמאהל אין היכל אונ האט אריין גינאמען בוימאייל פון דעם קריגעל אין דיא צוויי רערלאך. אונ האט מיט גינומען דעם קריגעל בוימאייל אונ האט זיך גיבוקט אונ איז ארויס גיגאנגען פון היכל:

פרק ד א (לא היו כופתין את הטלה) מען האט ניט גיבונדען דעם שעפס פון קרבן תמיד. דיא פעדערשטע צוויי פיס בזונדער. אונ דיא אינטערשטע צווייא פיס בזונדער (אלא מעקידין אותו) נאר מען האט גיבונדען אפאדערשטע פוס מיט אאינטערשטע פוס צו זאמען (מי שזכו באברים אוחזים בו) דיא כהנים וואס האבין זוכה גיוועזען מקריב צו זיין דיא גלידער פון דעם תמיד. האבין גיהאלטין דעם תמיד ווען מען האט אים גישאכטין אונ זייא האבין גיהאלפין אים שעכטין (ועתי"ט) (וכך היתה עקידתו) אונ אזוי האט מען אים גיבונדען (ראשו לדרום) דער קאפ פון שעפס איז גיוועזען צו דרום זייט (ופניו למערב) אונ זיין פנים איז גיוועזען אויס געקרימט צו מערב. (השוחט עומד במזרח ופניו למערב) דער וואס האט גישאכטין איז גישטאנען אין מזרח.

של שחר היה נשחט על קרן צפונית מערבית על טבעת שניה. של בין הערבים היה נשחט על קרן מזרחית צפונית על טבעת שנייה. שחט השוחט וקבל המקבל. בא לו לקרן מזרחית צפונית ונותן (מזרחה צפונה). מערבית דרומית. ונותן (מערבה דרומה) שירי הדם היה שופך על יסוד דרומית: **ב** לא היה שובר בו את

גללים לא יהיה סמוך למזבח: של שחר. קרבן תמיד של שחר היה נשחט על קרן צפונית מערבית. לפי שהבקר שמש במזרח זורחת כנגדה למערב והכתוב אומר שנים ליום כנגד היום. כלומר נגד השמש שהשמש קרוי יום ושל בין הערבים: שחמה במערב ומאירה כנגד המזרח היה נשחט על קרן צפונית מזרחית: בטבעת שניה. רחוק מן המזבח לפי שהמזבח גבוה ומאפיל כלו ויוחנן כהן גדול התקין ששה סדרים של טבעות. בכל סדר ארבע טבעות לארבע ועשרים משמרות כהונה והיו קבועות ברצפה עשויות כמין קשת ולפי שלא היו כופתים את התמיד כדתנן בר"פ. היו מכניסין לאחר שהבהמה באותן הטבעות בשעת שחיטה ונועלים כלפי הטבעת בארץ: ונותן מזרחית צפונית תחלה. לאחר שנשחט התמיד של שחר בקרן מערביה צפונית הולך לצד מזרח ועומד בארץ וזורק הדם בכלי למטה מן הסקרא ונותן שתי מתנות שהן ארבע. אחת שהיא כבתים. בקרן מזרחית צפונית והולך למערבית דרומית ונותן תחת שהיא כנגדו בקרן מערבית דרומית: **ב** לא היה שובר בו את הרגל. כלומר שהשוחטים עושין שמחתכין את הרגל עם העור שבו אלא

---

און זיין פנים איז געוועזן צו מערב (של שחר היה נשחט על קרן צפונית מערבית על טבעת שניה) דער תמיד פון דער פריא איז געשאכטן געווארן אויף דעם ווינקעל צפון און מערב. ביא דעם אנדערן רינג (של בין הערבים היה נשחט על קרן מזרחית צפונית על טבעת שנייה) און דער תמיד פון פארן נאכט איז געשאכטן געווארן אויף דעם ווינקול מזרח און צפון. ביא דעם אנדערן רינג וואייל דער תמיד דארף געשאכטן ווערן געגן דיא זונן. אין דער פריא קומט דיא זון אין מזרח זייט און שיינט געגן מערב. דארף מען שעכטן דעם תמיד אין מערב זייט. און פארן נאכט איז דיא זונן אין מערב זייט און שיינט געגן מזרח. דארף מען שעכטן דעם תמיד אין מזרח זייט. און ביא דעם מזבח אויף דיא ערד איז געוועזן פיר און צוואנציג רינגען. פיר פראנגין. צו זעקס רינגען אין אפראנג. מען האט אויף געמאכט דעם רינג און מען האט געלייגט דעם קאפ פון קרבן אונטער דעם רינג. און מען האט פאר לייגט דעם רינג אויף דעם האלדז. דער קרבן זאל זיך ניט קענען רירען ווען מען וועט אים שעכטן. זאגט דיא משנה אז דעם תמיד האט מען געשאכטן אונטער דעם אנדערן רינג פון מזבח. ניט אונטער דעם ערשטין רינג. וואייל דער ערשטער רינג איז ביא דיא וואנט פון מזבח. וואס דיא וואנט פאר שטעלט דיא זונן (שחט השוחט וקבל המקבל) איינער האט געשאכטן און איינער האט צו גינומען דיא בלוט פון האלדז (בא לו לקרן מזרחית צפונית) און ער איז גיקומען מיט דיא בלוט צום ווינקול מזרח און צפון (ונותן מזרחה צפונה) און ער האט געשפריצט אויף דעם ווינקול מזרח און צפון (מערבית דרומית) דער נאך איז ער גיקומען צום ווינקול מערב און דרום (ונותן מערבה דרומה) און ער האט געשפריצט אויף דעם ווינקול מערב און דרום (שירי הדם היה שופך על יסוד דרומית) דיא איבעריגע בלוט האט ער אויס געגאסן אויף דעם פונדאמענט פון דרום זייט מזבח: ב (לא היה שובר בו את הרגל) ער האט ניט אפ געשניטען דיא פוס

רגל אלא נוקבו מתוך ערכובו ותולה בו. היה מפשיט ויורד עד שהוא מגיע לחזה. הגיע לחזה. חתך את הראש ונתנו למי שזכה בו. חתך את הכרעים. ונתנן למי שזכה בהן. מירק את ההפשט קרע את הלב והוציא את דמו וחתך את הידים. ונתנן למי שזכה בהן. עלה לרגל הימנית חתכה ונתנה למי שזכה בה ושתי ביצים עמה. קרעו ונמצא כולו גלוי לפניו. נטל את הפדר. ונתנו על בית שחיטת הראש מלמעלן נטל את הקרביים ונתנן למי שזכה בהם להדיחן. הכרס מדיחין אותה בבית המדיחין כל

נוקבין מתחת הארכובה המחוברת עם הראש והגוף בו ומפשיט הרגל עם שאר הבהמה והא קמ"ל דהכרעים בכלל הפשט הן: ערכובו. כמו ארכובו: מירק את ההפשט. שהרי לא הופשט אלא עד החזה ועדיין העור מחובר בו: נטל את הפדר. החלב: ונתנו על בית השחיטה. וזו היא דרך כבוד של מעלה. שלא יראה לכלוך דם השחיטה: והכרס מדיחין אותה. מן הפרש שבתוכה בפני עצמה: בבית המדיחין. בלשכה שהיתה במקדש ולא מדיחין אותה עם שאר הקרבים שלא תטנפם: ג"פ. שאין הרעי יוצא מהן אלא בדוחק לפי

---

אזוי וויא זיא זענען מיט דיא פעל (אלא נוקבו מתוך ערכובו ותולה בו) נאר ער האט גלעכערט דעם שענקעל אונטער דיא קניא אונ ער האט אים אויף גיהאנגען (היה מפשיט ויורד עד שהוא מגיע לחזה) אונ ער האט אפ גיצויגען פון אים דיא פעל ביז צו דיא ברוסט ואונ דיא פעל פון דיא פוס האט ער אויך אפ גיצויגען) (הגיע לחזה) אז ער איז גיקומען צו דיא ברוסט (חתך את הראש) האט ער אפ געשניטען דעם קאפ (ונתנו למי שזכה בו) אונ ער האט גיגעבין דעם קאפ צו דעם כהן וואס האט זוכה גיוועזן מקריב צו זיין דעם קאפ (חתך את הכרעים) דער נאך האט ער אפ געשניטען דיא פאלקע ביז צו דיא קניא וועהי"ט) (ונתנן למי שזכה בהן) אונ ער האט גיגעבין דיא פאלקע צו דעם כהן וואס האט זוכה גיוועזן מקריב צו זיין דיא פאלקע מיט דיא קישקעס צו זאמען ווערין מ"נו (מירק את ההפשט) דער נאך האט ער אפ גיצויגין דיא פעל ביז אין גאנצין (קרע את הלב) דער נאך האט ער אויף גריסען דיא הארץ (והוציא את דמו) אונ ער האט ארויס גינומען דיא בלוט פון הארץ (חתך את הידים) דער נאך האט ער אפ געשניטען דיא פאדער פיס (ונתנן למי שזכה בהן) אונ ער האט זיא גיגעבין צו דעם כהן וואס האט זוכה גיוועזן ער זאל זיא מקריב זיין (עלה לרגל הימנית חתכה ונתנה למי שזכה בה) דער נאך איז ער גיגאנגען צו דיא רעכטע פוס. אונ ער האט איר אפ געשניטען. אונ ער האט איר גיגעבין צו דעם כהן וואס האט זוכה גיוועזן מקריב צו זיין דעם קאפ (ושתי ביצים עמה) אונ דיא צווייא אייער האט ער אויס געשניטען מיט דיא רעכטע פוס (קרעו ונמצא כולו גלוי לפניו) דער נאך האט ער אויף געריסין דעם שעפס אונ ער איז געפינט גיווארין אין גאנצין פאר דעם כהן (נטל את הפדר) האט ער ארויס גינומען דעם חלב (ונתנו על בית שחיטת הראש מלמעלן) אונ האט אים גילייגט אויף דעם קאפ. אויף דעם ארט וואו ער איז אפ געשניטען גיווארין פון שעפס צו פארדעקין דיא בלוט (נטל את הקרביים ונתנן למי שזכה בהם להדיחן) דער נאך האט ער גינומען דיא קישקעס אונ ער האט זיא גיגעבין צו דעם כהן וואס האט זוכה גיוועזן ער זאל זיא מקריב זיין. אונ דער כהן האט זיא גידארפט אפ וואשין אונ ריין מאכין (הכרס מדיחין אותה בבית המדיחין כל צרכה) דעם בויך האט מען גידארפט באזונדער וואשין אונ ריין מאכין. ניט מיט דיא קישקעס צו זאמען ווויא פיל מען האט גידארפט ביז ער

פסן דקים: במעוטה לכל ספחות ואם רלס להוסיף לסדיקן יותר מג"פ · מוסיף: ג ואצבע הכבד · היה מפריש מן הכבד ולא היה מזיזה לאצבע הכבד ממקומה. שהרי היא היתה קריבה עם העוקץ והאליה והכבד היה עם הדופן הימני והריאה עם הגרה ושתי צלעות עמה. כמו במפורש בסמוך: דופן ימני.

צרכה. והקרבין מדיחין אותן שלשה פעמים במעוטה. על שולחנות של שיש שבין העמודים: ג נטל את הסכין. והפריש את הריאה מן הכבד. ואצבע הכבד מן הכבד ולא היה מזיזה ממקומה. נקב את החזה ונתנו למי שזכה בו. עלה לדופן הימנית. היה חותך ויורד עד השדרה. ולא היה נוגע בשדרה. עד שהוא מגיע לשתי צלעות רכות. חתכה ונתנה למי שזכה בה. והכבד תלויה בה. בא לו לגרה והניח בה שתי צלעות מכאן · ושתי צלעות מכאן. חתכה ונתנה למי שזכה בה. והקנה והלב והריאה תלוים בה. בא לו לדופן השמאלית. והניח בה שתי צלעות רבית מלמעלן ושתי צלעות רכות

---

זאל ריין ווערין. (אונ גיוואשין האט מען איהם אין דיא שטוב וואס אין דיא עזרה וואס איז גימאכט גיווארין מען זאל דארט וואשין אונ ריין מאכין) (והקרבין מדיחין אותן שלשה פעמים במעוטה) אונ דיא קישקעס האט מען גיבארפט וואשין צום ווייניגסטען דרייא מאהל (על שולחנות של שיש שבין העמודים) אויף דיא מארמער שטיינערנע טישען וואס זענען גיוועזן צווישען דיא זיילען: ג (נטל את הסכין והפריש את הריאה מן הכבד) ער האט גינומען דעם מעסער אונ האט אפ געשניטען דיא לונג פון דיא לעבער (ואצבע הכבד מן הכבד) אונ אז ער האט אפ געשניטען דיא לעבער צו דיא רעכטע זייט. האט ער גימוזט לאזין אשטיקיל לעבער גרוים וויא אפינגער אויף דעם ארט (ולא היה מזיזה ממקומה) אונ דיא שטיקול לעבער האט ער ניט גיטארט צו נעמען פון ארט (עתי"ט) (נקב את החזה ונתנו למי שזכה בו) דער נאך האט ער גילעבערט דיא ברוסט (דיין מיינט מען ער האט גינומען דיא ברוסט פון איר ארט. ועתי"ט) אונ ער האט איר גיגעבין צו דעם כהן וואס האט זוכה גיוועזן ער זאל איר מקריב זיין (עלה לדופן הימנית) דער נאך איז ער גיגאנגען צו דיא רעכטע זייט (היה חותך ויורד עד השדרה) אונ ער האט געשניטען ביז דיא שדרה ודאס איז דער מיטעלסטער ביין וואס צווישען דיא פלייצעס (ולא היה נוגע בשדרה) אונ ער האט ניט אן גערירט מיט דעם מעסער אין דיא שדרה (עד שהוא מגיע לשתי צלעות רכות) ער האט אראפ געשניטען ביז ער איז גיקומען צו דיא צוויא דינע ריפען (חתכה ונתנה למי שזכה בה) אונ ער האט געשניטען דיא זייט אונ האט איר גיגעבין צו דעם כהן וואס ער האט זוכה גיוועזן מקריב צוא זיין דיא זייט (והכבד תלויה בה) אונ דיא לעבער האט גיהאנגען בייא דיא רעכטע זייט (בא לו לגרה) דער נאך איז ער גיקומען צו דיא האלדז (והניח בה שתי צלעות מכאן ושתי צלעות מכאן) אונ ער האט גילאזין צוויא ריפען פון דיא רעכטע זייט ודאס מיינט מען דיא פריערדיגע צוויא ריפן וואס ער האט גילאזין ווען ער האט אפ געשניטען דיא רעכטע זייט. אונ איצט) האט ער גילאזין נאך צוויא ריפען פון דיא לינקע זייט (ועתי"ט) (חתכה ונתנה למי שזכה בה) ער האט אפ געשניטען דיא האלדז אונ האט איר גיגעבין צו דעם כהן וואס האט זוכה גיוועזן ער זאל איר מקריב זיין (והקנה והלב והריאה תלוים בה) אויף דיא האלדז איז גיהאנגען דער נארגיל אונ דיא הארץ אונ דיא לונג (בא לו לדופן השמאלית) דער נאך איז ער גיקומען צו דיא לינקע זייט (והניח בה שתי צלעות רבות מלמעלן ושתי צלעות רכות מלמטן אונ

מלמטן וכך היה מניח בחברתה. נמצאת מניח בשתיהן שתים שתים מלמעלן. ושתים שתים מלמטן. חתכה ונתנה למי שזכה בה. השדרה עמה והטחול תלוי בה. והיא היתה גדולה. אלא של ימין קורין גדולה שהכבד תלויה בה. בא לו לעוקץ. חותכו ונותנו למי שזכה בה. ואליה ואצבע הכבד ושתי כליות עמו. נטל רגל השמאלי ונתנה למי שזכה בה. נמצאו כולן עומדין בשורה והאיברים בידם. הראשון בראש וברגל. הראש בימינו וחוטמו כלפי זרועו. וקרניו בין אצבעותיו. ובית שחיטתו מלמעלן.

חוקך סמוך לסדרה אלא שהיה מניח ב' צלעות למעלה אל השדרה וכן ב' צלעות למטה: והרגל של ימין בשמאלו. ואע"ג דהולכת אברים לכבש עבודה היא ועבודה פסולה בשמאל. כיון דלא מעכבת כפרה שריא אפי' בשמאל כדאיתא ביומא: ובית עורו לחוץ.

ער האט גיזאגט צוויא דינע ריפען הויבין בייא דעם וויידיל. אונ צוויא דינע ריפען אונטען בייא דיא ברוסט אונ ער האט זייא ניט אפ געשניטען מיט דיא זייט וויל דיא בהמה איינגט מיט דעם קאפ ארויס איז דער וויידיל הויבין אונ דיא ברוסט אונטען) (וכך היה מניח בחברתה) בייא דיא רעכטע זייט האט ער אויך אזוי גילאזין. צוויא ריפען בייא דעם וויידיל אונ צוויא ריפען בייא דיא ברוסט (נמצאת מניח בשתיהן שתים שתים מלמעלן ושתים שתים מלמטן) ווערט דאך גיפונען אז ער האט גילאזין בייא ביידע זייטין. הויבין בייא דעם וויידיל האט ער גילאזין צוויא ריפען אין דיא רעכטע זייט אונ צוויא ריפען אין דיא לינקע זייט. אונ אונטען בייא דיא ברוסט האט ער אויך גילאזין צוויא ריפען אין דיא רעכטע זייט אונ צוויא ריפען אין דיא לינקע זייט (חתכה ונתנה למי שזכה בה) ער האט אפ געשניטען דיא לינקע זייט אונ האט איר גיגעבין צו דעם כהן וואס האט זוכה גיוועזן ער זאל איר מקריב זיין (והשדרה עמה) אונ דיא שדרה איז גיוועזן מיט דיא לינקע זייט (והטחול תלוי בה) אונ דער מילץ איז אויך גיהאנגען בייא דיא לינקע זייט (והיא היתה גדולה) אונ דיא לינקע זייט איז גיוועזן גרויס (אלא של ימין קורין גדולה) נאר דיא כהנים פלעגין רופין דיא רעכטע זייט דיא גרויסע (שהכבד תלויה בה) ווייל דיא לעבער איז גיהאנגען בייא דיא רעכטע זייט (בא לו לעוקץ) דער נאך איז ער גיקומען צום וויידיל (וואס ליגט הויבין אויף דיא פיס) (חותכו ונותנו למי שזכה בו) ער האט אפ געשניטען דעם וויידיל אונ האט אים גיגעבין צו דעם כהן וואס האט זוכה גיוועזן ער זאל אים מקריב זיין (ואליה ואצבע הכבד ושתי כליות עמו) אונ דער וויידיל וואס איינגט אראפ. אונ דיא שטיקול לעבער וואס איז גיוועזן גרויס וויא אפינגער (וויא אין אנהייב משנה) אונ דיא צוויא ניריען. זענען גיוועזן מיט דעם עוקץ (נטל רגל השמאלי ונתנה למי שזכה בה) דער נאך האט ער גינומען דיא לינקע פוס. אונ ער האט איר גיגעבין צו דעם כהן וואס האט זוכה גיוועזן מקריב צו זיין דעם וויידיל (נמצאו כולן עומדין בשורה והאברים בידם) דער נאך זענען אלע כהנים גישטאנען גלייך אין פראנד. אונ יעדערער האט גיהאלטין אין האנט זיין חלק פלייש מקריב צו זיין (הראשון בראש וברגל) דער ערשטער כהן איז גיגאנגען מיט דיא קאפ אונ מיט דעם פוס (הראש בימינו) דיא קאפ האט ער גיהאלטין אין דיא רעכטע האנט (וחוטמו כלפי זרועו) דעם נאז גענין ארעם (וקרניו בין אצבעותיו) אונ דיא הערנער צווישען דיא פינגער (ובית שחיטתו מלמעלן) אונ דעם ארט ווא דיא קאפ איז גישאכטין גיווארין. האט ער גיהאלטין ארויף אין

במקום שמפסיקים ממנו השעור. והוא סמוך לראשי האצבעות: בזך. תרגום כף מחת
והפדר נתון עליה. והרגל של ימין בשמאלו. ובית עורו לחוץ. השני בשתי ידים. של ימין בימינו. של שמאל בשמאלו. ובית עורן לחוץ. השלישי בעוקץ וברגל. העוקץ בימינו והאליה מדולדלת בין אצבעותיו. ואצבע הכבד ושתי הכליות עמו. הרגל של שמאל בשמאלו. ובית עורו לחוץ. הרביעי בחזה ובגרה. החזה בימינו והגרה בשמאלו. וצלעותיה בין אצבעותיו. החמישי בשתי דפנות. של ימין בימינו. ושל שמאל בשמאלו. ובית עורו לחוץ. הששי בקרבים הנתונים בבזך. וכרעים על גביהם מלמעלה. השביעי

---

דיא הייך (וְהַפֶּדֶר נָתוּן עָלֶיהָ) אונ דיא חֵלֶב האט ער גינעבין אויף דעם ארט. צו בדעקן דיא בלוט (וְהָרֶגֶל שֶׁל יָמִין בִּשְׂמֹאלוֹ) אונ דיא רעכטע פוס האט ער גיהאלטין אין דיא לינקע האנט (ובית עורו לחוץ) אונ דיא זייט ווא דיא פעל איז גיוועזן. האט ער גיהאלטין אויסער זיך. אונ דיא זייט וואס מען האט אפ געשניטען. האט ער גיהאלטען גענין זיך (הַשֵּׁנִי בִּשְׁתֵּי יָדַיִם) דער אנדערער כהן האט גיטראגין דיא צווייא פאדערשטע פיס (שֶׁל יָמִין בִּימִינוֹ) דיא רעכטע פוס האט ער גיהאלטין אין דיא רעכטע האנט (שֶׁל שְׂמֹאל בִּשְׂמֹאלוֹ) דיא לינקע פוס האט ער גיהאלטין אין דיא לינקע האנט (ובית עורן לחוץ) אונ דיא זייט ווא דיא פעל איז גיוועזן. האט ער גיהאלטין אויסער זיך. אונ דיא זייט וואס מען האט אפ געשניטען. האט ער גיהאלטען געבין זיך (הַשְּׁלִישִׁי בָּעוֹקֶץ וּבָרֶגֶל) דער דריטער כהן האט גיטראגין דעם וויידיל אונ דיא פוס (הָעוֹקֶץ בִּימִינוֹ) דעם וויידיל וואס ליגט אויף דיא פיס בייא דיא שדרה האט ער גיהאלטין אין דיא רעכטע האנט (וְהָאַלְיָה מְדוּלְדֶּלֶת בֵּין אֶצְבְּעוֹתָיו) אונ דער וויידיל וואס איינגט אראפ ביי דעם שעפס. איז ער בייא דעם כהן אראפ גיהאנגען צווישען דיא פינגער (וְאֶצְבַּע הַכָּבֵד וּשְׁתֵּי הַכְּלָיוֹת עִמּוֹ) אונ דיא שטיקול לעבער וואס איז גיוועזן גרויס וויא א פינגער. אונ דיא צווייא ניריען. האט ער אויך גיהאלטין אין דיא זעלבינע האנט (הָרֶגֶל שֶׁל שְׂמֹאל בִּשְׂמֹאלוֹ) דיא לינקע פוס האט ער גיהאלטין אין דיא לינקע האנט (וּבֵית עוֹרוֹ לַחוּץ) אונ דיא זייט ווא די פעל איז גיוועזן. האט ער גיהאלטען אויסער זיך ואזוי וויא פריער (הָרְבִיעִי בֶּחָזֶה וּבַגֵּרָה) דער פערטער כהן האט גיטראגין דיא ברוסט אונ דיא האלדז (הֶחָזֶה בִּימִינוֹ) דיא ברוסט האט ער גיהאלטען אין דיא רעכטע האנט (וְהַגֵּרָה בִּשְׂמֹאלוֹ) אונ דיא האלדז האט ער גיהאלטען אין דיא לינקע האנט (וּצְלָעוֹתֶיהָ בֵּין אֶצְבְּעוֹתָיו) אונ דיא ריפען האט ער גיהאלטין צווישען דיא פינגער (הַחֲמִישִׁי בִּשְׁתֵּי דְפָנוֹת) דער פינפטער כהן האט גיטראגין דיא צווייא זייטין (שֶׁל יָמִין בִּימִינוֹ) דיא רעכטע זייט האט ער גיהאלטין אין דיא רעכטע האנט (וְשֶׁל שְׂמֹאל בִּשְׂמֹאלוֹ) אונ דיא לינקע זייט האט ער גיהאלטען אין דיא לינקע האנט (וּבֵית עוֹרוֹ לַחוּץ) אונ דיא זייט ווא דיא פעל איז גיוועזן. האט ער גיהאלטין אויסער זיך. אונ דיא זייט וואס מען האט אפ געשניטען. האט ער גיהאלטין געבין זיך (הַשִּׁשִּׁי בַּקְּרָבַיִם הַנְּתוּנִים בַּבָּזָךְ) דער זעקסטער כהן האט גיטראגין דיא קישקעס אין א גרויסע לעפיל (וּכְרָעַיִם עַל גַּבֵּיהֶן מִלְמַעְלָה) אונ אויף דיא קישקעס האט ער גילייגט פון הויבין דיא פאלקעס (הַשְּׁבִיעִי בַּסֹּלֶת) דער זיבעטער כהן האט גיטראגין די מעהל (הַשְּׁמִינִי

השביעי בסלת. השמיני בחביתין. התשיעי ביין. הלכו ונתנום מחצי הכבש ולמטה במערבו. ומלחים. וירדו ובאו להם ללשכת הגזית. לקרות את שמע:

פרק ה **אמר** להם הממונה. ברכו ברכה אחת והן ברכו. קראו עשרת הדברים. שמע. והיה אם שמוע. ויאמר. ברכו את העם שלש ברכות. אמת ויציב. ועבודה. וברכת

ביזכא חדא: השביעי בסלת. למנחת נסכים שעם התמיד: בחביתין. מנחת מחבת של כ"ג מקריבה בבקר ומחציתה בערב שמקריב בכל יום. והאי דאפסקיה לחביתין בין סלת לנסכים שהן צרכי תמיד משום דסלת וחביתין שניהם שם מנחה. לכך פירשן יחד: מחצי כבש ולמטה במערבו. ולא מחציו ולמעלה. כדי שתהא ככרת שהולכה למזבח כשיחזרו מנקרות את שמע. ודוקא בימות החול היו נותנים אברי תמיד במערב לצד השפיכה. אבל בשבתות דאל מוספין שהן חובת היום היו במערב. היו של תמיד במזרח כדמוכח במס' סוכה פ' החליל: לקרות את שמע. וכל שאר ברכות כדאיתא לקמן באידך פרקא:

פרק ה **אמר** להם הממונה וכו'. בפ"ק דברכות מפורש שהיא אהבה רבה. ואחר שהאיר היום וזהו החמה מברכי' יוצר אור. וסדר ברכות אינו מעכב: קראו עשרת הדברים. לפי שהן עקר התורה. ובדין הוא שיהיו קורין אותן בכל יום אף בגבולים אלא שבטלום מפני תרעומת המינים שהיו אומרים אינו נבדם נתנו בסיני ולא שאר התורה: והם ברכו ג' ברכות. ואלו הן ג' ברכות. אמת ויציב. ועבודה. וברכת כהנים. קריאת הפסוקים בלבד. ולא נשיאת כפים. שלא היו הכהנים נושאים את כפיהן. אלא לאחר הקרבת התמיד וקטורת כדאמרינן באידך פרקא. והאידנא לא היו מברכים הכך ברכות אלא

---

בחביתין) דער אכטער כהן האט געטראגן דיא מנחה פון כהן גדול (התשיעי ביין) דער ניינטער כהן האט געטראגן דיא וויין צוא גיסען אויף דעם מזבח (הלכו ונתנום מחצי הכבש ולמטה במערבו) דיא אלע כהנים זענען געגאנגען אויף דיא ברעט וואס מען גייט ארויף צום מזבח. אונ האבן אוועק געלייגט דיא אלע זאכען אויף דיא אונטערשטע העלפט ברעט ודיא ברעט איז געוועזן לאנג צוויי אונ דרייסיג איילין אונ ברייט זעכצעהן איילין. זענען דיא כהנים געגאנגען אויף דיא ברעט ביז פופצעהן איילין אונ האבען אוועק געלייגט דיא אלע שטיקער פלייש. אונ זייא האבען געלייגט דיא פלייש אין דיא העלפט ברעט ופון דיא ברייט וואס צוא מערב זייט (ומלחום) אונ זייא האבען געזאלצין דיא פלייש (וירדו ובאו להם ללשכת הגזית לקרות את שמע) אונ דיא כהנים זענען אראפ געגאנגען פון כבש. אונ זענען אריין געגאנגען אין לשכת הגזית. זייא זאלין לייענען קריאת שמע:

פרק ה א (אמר להם הממונה) דער גבאי האט געזאגט צוא דיא כהנים (ברכו ברכה אחת) איר זאלט זאגין איין ברכה ואהבה רבה פאר קריאת שמע (והן ברכו) אונ זייא האבען געזאגט דיא ברכה ואהבה רבה) ואונ אז דיא זון האט איף געשיינט האבין זייא געזאגט דיא ברכה יוצר אור ביז אהבה רבה) (קראו עשרת הדברים) דער נאך האבען זייא גילייענט דיא עשרת הדברות אונ זייא האבען געזאגט שמע ישראל. והיה אם שמוע. ויאמר (ברכו את העם שלש ברכות) דער נאך האבען דיא כהנים געזאגט צו זאגען מיט דעם פאלק וואס זענען געוועזן אין דיא עזרה) דרייא ברכות. איין ברכה איז אמת ויציב (ועבודה) די אנדערע ברכה איז רצה ה' אלהינו עבודת עמך ישראל ואשי ישראל ותפלתם תקבל ברצון ברוך המקבל עבודת עמו ישראל ברצון (וברכת כהנים) אונ דיא דריטע ברכה

כדי שיהא התמיד מקובל ברצון ולא היו נפטרים בכך מתפלת שמונה עשרה: מוסיפין ברכה אחת. שהמשמר היוצא אומר למשמר הנכנס. מי ששיכן את שמו בבית הזה. הוא ישכין ביניכם אהבה ואחוה שלום וריעות שבכל יום שבת היה נכנס משמר לעבודה ויוצא המשמר שעבר: ב חדשים לקטורת. מי שלא זכה בקטורת כל ימיו יבא ויפיס ולא היו מניחין למי שזכה בה פעם אחת לשנות בה. מפני שמעשרת. דכתיב (דברים לג) ישימו קטורה באפך וגו׳ ברך ה׳ חילו. לפיכך לא היו מניחים לשנות בה אדם כדי שיהיו הכל מתעשרים ומתברכים בה: חדשים עם ישנים. לפי שאמר בקטרת חדשים דוקא אמר הכא חדשים גם ישנים כלו׳ מי שזכה בפייס פעמים לתמיד ומי שלא זכה בואו והפיסו: הוא מעלה אותם ע״ג המזבח. ולא היה כאן פייס ואין הלכה כראב״י: ג מסרום לחזנים. אותם כהנים שהגיעו עלמם

וברכת כהנים. ובשבת מוסיפין ברכה אחת למשמר היוצא: ב אמר להם חדשים לקטרת בואו והפיסו (הפיסו) זכה מי שזכה. [אמר להם] חדשים עם ישנים. בואו והפיסו. מי מעלה אברים מן הכבש למזבח. ראב״י אומר המעלה אברים לכבש. הוא מעלה אותן על גבי המזבח: ג מסרום לחזנים היו מפשיטין אותם את

---

האבען זיא געזאגט דיא פסוקים יברכך ד׳ וישמרך און ווייטער. אזוי וויא מיר זאגין אלע טאג אין שמונה עשרה. און דער נאך וויא מען האט מקריב געוועזן דעם תמיד מיט דיא קטרת. האבין דיא כהנים גירוכנט. און זיא האבין גידאווינט שמונה עשרה. (עה״ט) (ובשבת מוסיפין ברכה אחת למשמר היוצא) שבת האט מען געזאגט נאך א ברכה. דער משמר וואס איז ארויס געגאנגען האט גיבענשט דעם משמר וואס איז אריין געגאנגען (ועיין ברע״ב): ב (אמר להם חדשים לקטרת בואו והפיסו) דער גבאי האט געזאגט צוא דיא כהנים. נייע כהנים וואס האבין נאך קיין מאהל ניט מקטיר געוועזן קטרת. זאלין קומען צום גורל ווער זאל היינט מקטיר זיין קטורת וואורום דער כהן וואס האט איין מאהל מקטיר געוועזן קטרת איז ער רייך געווארין. דריבער זענען אלע טאג געקומען נייע כהנים צוא דיא קטרת מקטיר זיין. און מען האט ניט גילאזין איין כהן זאל צוויא מאהל מקטיר זיין קטורת (זכה מי שזכה) וועלכער כהן עס האט זוכה געוועזן מקטיר צוא זיין דיא קטרת. האט ער זוכה געוועזן. האט ער מקטיר געוועזן (אמר להם) דער גבאי האט געזאגט צוא דיא כהנים (חדשים עם ישנים בואו והפיסו מי מעלה אברים מן הכבש למזבח) נייע כהנים וואס האבין נאך קיין מאהל ניט מקריב געוועזן דעם תמיד און אלטע כהנים וואס האבען שוין עטליכע מאהל מקריב געוועזן דעם תמיד זאלין קומען צום גורל וועלכע כהנים זאלין טראגין דיא גלידער פון תמיד פון דיא ברעט אויף דעם מזבח. רבי אליעזר בן יעקב זאגט עס איז ניט געוועזן קיין בזונדער גורל ווער זאל טראגין דיא גלידער פון דיא ברעט אויף דעם מזבח. נאר (המעלה אברים לכבש) די כהנים וועם האבין גיבראכט דיא גלידער אויף די ברעט (הוא מעלה אותן על גבי המזבח) דיא זעלביגע האבין גיטראגין דיא גלידער פון דיא ברעט אויף דעם מזבח: ג (מסרום לחזנים) דיא כהנים וואס האבין אן גיטאהן דיא הייליגע קליידער וויל זיא האבין גימיינט זיא וועלין גיוינען דעם גורל. און זיא האבין גיט גיוואנען. ווענען זיא גיגאנגען צו דיא בדינטע (היו מפשיטין אותם את בגדיהם) און דיא בדינטע האבין אראפ גיצויגן כון זיא דיא הייליגע קליידער (לא היו מניחין עליהם אלא מכנסים בלבד) און מען האט ניט

שלהם ולא זכו בפיים והיו לבושים בגדי כהונה היו מוסרים אותם לחזנים דהיינו השמשין העוסקים בצרכי המקדש כדי שיפשיטום בגדי קדש שעליהם: ולא היו מניחים עליהם אלא מכנסים בלבד. ולובשים בגדי חול ואח"כ מפשיטים המכנסים ומניחים כל בגדי כהונה ויוצאים: וכתוב עליה' תשמישי הכלים. החלונות שבהן מכנסים כתוב עליהן מכנסים ואת שבהן כתונת כתוב עליהן כתונת וכן מצנפת ואבנט. וסדר לבישת הבגדים המכנסים תחלה לכל שאר בגדים של קדש דכתיב (ויקרא ו) ומכנסי בד ילבש על בשרו שלא יהא דבר קודם למכנסים ואח"כ הכתונת ואח"כ חוגר באבנט ואח"כ לוקח במצנפת: ד והבזך.

כף קטן: מלא וגדוש קטרת והיתה בתוך הכף הגדול שאם לא היה הגדול. כיון שהקטן גדוש היה מתפזר הקטרת לארץ בהולכתו. ובכף הגדול לבד לא סגי דכבוד הוא כלפי מעל לערות מהקנגדום על הגחלים בשעת הקטרה: וכסוי היה לו. לבזך: מטוטלת. רבותי פירשו כעין טבעת היה לכסוי מלמעלה שבה אוחז בידו מיטלטל הכסוי ומסירו מעל הבזך ובערוך פי' מטוטלת חתיכת בגד כמו לא יצא הגמל במטוטלת דפ' במה בהמה יוצאה שהיה נתון על כסוי הבזך כמין סודר קטן לנוי: ה מי שזכה במחתה. להוליך הגחלים למזבח הזהב. ולא היה בזה פיים אלא מי שזכה בקטרת ע"י פיים אומר לזה שעמו זכה עמי

בגדיהם. ולא היו מניחין עליהם אלא מכנסים בלבד. וחלונות היו שם. וכתוב עליהם תשמישי הכלים: ד מי שזכה בקטרת היה נוטל את הכף. והכף דומה לתרקב גדול של זהב. מחזיק שלשת קבים. והבזך היה בתוכו מלא וגדוש קטרת. וכיסוי היה לו. וכמין מטוטלת היה עליו מלמעלן: ה מי שזכה במחתה. נטל מחתת הכסף ועלה לראש המזבח. ופנה את הגחלים הילך (והילך) וחתה

מער גילאזין אויף זייא נאר דיא הויזין. אונ זייא האבין אן גיטאהן זייערע פראכטע קליידער. דער נאך האבין זייא אויס גיטאהן דיא הויזין אויך (וחלונות היו שם) אין דיא ווענט פון דיא עזרה איז געווען גימאכט קאסטונס אזוי וויא פענסטער. אין דיא קאסטונס איז גילעגין דיא קליידער פון דיא כהנים (וכתוב עליהם תשמישי הכלים) אויף דיא טירען פון דיא קאסטונס איז געווען געשריבען וועלכע כלים דארטין ליגט. דיא קאסטין וואס אין איר זענען גילעגין העמדער. איז געווען געשריבען אויף דיא טיר. העמדער. אונ דיא קאסטין וואס אין איר איז גילעגין גארטלען. איז געווען געשריבען אויף דיא טיר. גארטלען. אונ אזוי איז געווען געשריבען אויף אלע קאסטונס פון אלע קליידער: ד (מי שזכה בקטורת היה נוטל את הכף) וועלכער כהן עס האט זוכה געווען מקטיר צו זיין קטורת. דער האט גינומען אגרויסע לעפיל אגאלדענע (והכף דומה לתרקב גדול של זהב) דיא לעפיל איז געווען גלייך צו אגרויסע כלי פון גאלד (מחזיק שלשת קבין) וואס האלט דרייא קבין (והבזך היה בתוכו מלא וגדוש קטורת) אונ אקליינע לעפיל פול מיט קטורת איז געווען אין דיא גרויסע לעפיל (וכיסוי היה לו) אונ דיא קליינע לעפיל האט גיהאט אצודעק (וכמין מטוטלת היה עליו מלמעלן) אונ אויף דעם צודעק איז געווען ארינג. אז מען האט גיוואלט אראפ נעמען דעם צודעק. האט מען אן גינומען דעם רינג אונ מען האט אראפ גינומען דעם צודעק ועיין ברע"ב): ה (מי שזכה במחתה) דער כהן וואס האט זוכה געווען ער זאל אריין טראגין אין היכל אפייער פאן מיט קוילין צו דיא קטורת (נטל מחתת הכסף) האט ער גינומען אזילבערנע פייער פאן (ועלה לראש המזבח) אונ איז ארויף גיגאנגען אויף דעם מזבח (ופנה את הגחלים הילך והילך וחתה) אונ ער האט אפגישארט דיא אויבערשטע קוילין אין דער

ירד ועירן לתוך של זהב. נתפזר ממנו כקב גחלים. והיה מכבדן לאמה. ובשבת היה כופה עליהן פסכתר. ופסכתר היתה כלי גדול מחזקת לתך. ושתי שרשרות היו בה אחת שהוא מושך בה ויורד. ואחת שהוא אוחז בה מלמעלן בשביל שלא תתגלגל. ושלשה דברים היתה משמשת. כופין אותה ע"ג גחלים ועל השרץ

במחתה. וחתה מן המאוכלות הפנימיות כ"ג סאה שהן קרובים לשם דאדרבה גחלים גסות ובוערות היה חותה: ועירן בשל זהב. אבל לא היה חותה בשל זהב. כדי שלא תתקלקל והתורה חסה על ממונן של ישראל: נתפזר ממנו כקב גחלים. שהיה חותה במחתה של כסף בת ד' קבים ומערה בשל זהב שהיא של שלשה וכדי להוליכה מלאה היה מערה באחרונה שזהו דרך כבוד של מעלה: מכבדן לאמה. לאמת המים שבעזרה שלא יכוו בהן הכהנים: ובשבת. שאסור לכבות כפה עליו כלי אחד גדול הרבה שהיו מכתתותיה לתך. חצי כור. ט"ו סאין שהכור שלשים סאין: ושתי שרשרות היו. בפסכתר אחד מצד זה ואחד מצד זה. לפי שהיו מורידים הדשן מעל המזבח כדאמרי' בסמוך וכשמורידין אלא דשן דרך קרקע הכבש שהוא משופע. היה כהן א' לפניו שמושכו בשרשרת וכהן א' היה למעלה מן הפסכתר ותופס בשרשרת שלפניו שלא תתגלגל במדרון הכבש: ועל השרץ. שנמצא

---

זייט אינ אין דער זייט אונ ער האט גינומען די איבערשטע קוילין וואס זענען גיוועזן גוט אנגיברענט (ירד) אונ ער האט אראפ גענידערט פון מזבח מיט די קוילין (ועירן לתוך של זהב) אונ ער האט אריין גישאטין די קוילין אין אגאלדענע פייער פאן (נתפזר ממנו כקב גחלים) אונ עס איז פאר שאטין גיווארין אקב קוילין. וואורום די זילבערנע פייער פאן האט גיהאלטין פיר קבין אונ די גאלדענע פייער פאן האט גיהאלטין נאר דרייא קבין (והיה מכבדן לאמה) אונ ער האט אריין גיקערט די קוילין אין דעם קאנאל וואסער וואס אין די עזרה זייא זאלין פאר לאשין ווערין (ובשבת היה כופה עליהן פסכתר) אונ שבת האט ער פאר דעקט די קוילין מיט אפסכתר. ווייל מען טאר ניט פאר לעשין אום שבת (ופסכתר היתה כלי גדול מחזקת לתך) דער פסכתר איז גיוועזן אגרויסע כלי וואס האט גיהאלטין אהאלבע כור. דאס איז פופצעהן סאה (ושתי שרשרות היו בה) אונ צווייא קייטין איז גיוועזן אין דעם פסכתר. איינע אין דער זייט אונ איינע אין דער זייט. וואורום אין דעם פסכתר האט מען אריין גישאטין די אש פון מזבח. ארויס צו טראגין אויסער ירושלים. אונ ווייל דער פסכתר פול מיט אש איז גיוועזן שווער אונ מען האט אים ניט גיקענט טראגין. דריבער איז גיוועזן אקייט אין דעם פסכתר אונ מען האט אים גישלעפט. נאר ווען מען האט גישלעפט דעם פסכתר פון מזבח אויף דעם כבש די ברעט וואס גייט אראפ פון מזבח אויף די ערד. אונ די ברעט איז גישטאנען קרום. האט מען מורא גיהאט טאמער וועט זיך אראפ קיילערין דער פסכתר. דריבער איז גיוועזן גימאכט אין די אנדערע זייט נאך אקייט (אחת שהוא מושך בה ויורד) איין כהן איז גישטאנען אונטען אונ האט גיהאלטין די קייט אונ האט גישלעפט מיט איר דעם פסכתר אראפ פון די ברעט (ואחת שהוא אוחז בה מלמעלן) אונ איין כהן איז גישטאנען הויבין אונ האט גיהאלטין די קייט (בשביל שלא תתגלגל) דער פסכתר זאל ניט אראפ פאלין (שלשה דברים היתה משמשת) צו דרייא זאכין האט מען גידארפט דעם פסכתר (כופין אותה על גבי גחלים ועל השרץ בשבת) די הייסע קוילין וואס איז פאר שיט גיווארין פון די מחתה אום שבת. האט מען אויף זייא צו גידעקט מיט דעם פסכתר איז איינב



אונ

בשבת. ומורידין בה את הדשן מע"ג המזבח: ן הגיעו בין האולם ולמזבח. נטל אחד את המגריפה. וזורקה בין האולם ולמזבח. אין אדם שומע קול חבירו בירושלים מקול המגריפה. ושלשה דברים היתה משמשת. כהן ששומע את קולה יודע שאחיו הכהני' נכנסים להשתחוות והוא רץ ובא. ובן לוי שהוא שומע את קולה. יודע שאחיו הלוים נכנסים לדבר בשיר. והוא רץ ובא. וראש המעמד. היה מעמיד את הטמאים בשער המזרח:

בעזרה בשבת כופים עליו פסכתר כדי שלא יטמאו בו הכהנים שאין יכולים להוציאו משם בשבת דעל שבות כזה גזרו ואפי' במקדש. ודוקא כשנמצא בעזרה. אבל נמצא בהיכל או באולם מוציאים אותו מיד ואפילו בשבת: ן המגרפה. כלי גדול שהיו זורקים אותו. כדי להשמיע קול והקול היוצא ממנו משמש שלשה דברים כדמפרש ואזיל: כהן השומע קולה. אם לא היה בעזרה: רץ ובא. להשתחוות עם אחיו הכהנים: וראש המעמד. כשהיה שומע קול המגריפה: היה מעמיד את הטמאים. של אותו בית אב שלא היו ראויי' לעבוד: בשער המזרח. איכא דאמרי כדי לביישן ולהודיע שמפני טומאת קרי הוא נמנע לעבוד. כדי שיזהר פעם אחרת. ואיכא דאמרי מפני החשד שלא יחשדוהו שמלאכתו הלך והניח מלעבוד אבל ידעו שמפני טומאת אונס של שרץ או דבר אחר נמנע מלעבוד. והרמב"ם כתב שמצורעים שכבר טהרו מצרעתם היה מעמידם בשער המזרח כדי שיהיו מזומנים לזרוק עליהם דם האשם:

---

אונ אויב מען האט געפונען אום שבת אויפגעפרטין שרץ אין דיא עזרה. האט מען אים צוגעדעקט מיט דעם פסכתר. אונ נאך שבת האט מען אים ארויס גענומען פון דיא עזרה (איז צווייא (ומורידין בה את הדשן מעל גבי המזבח) אונ מיט דעם פסכתר האט מען ארויס געטראגין דיא אש פון מזבח: ן (הגיעו בין האולם ולמזבח) אז דיא כהנים זענען געקומען צווישען אולם אונ מזבח (נטל אחד את המגריפה וזורקה בין האולם ולמזבח) האט איין כהן גענומען אכלי וואס הייסט מגריפה אונ ער האט איר אווארף געטאהן צווישען אולם אונ מזבח (אין אדם שומע קול חברו בירושלים מקול המגרפה) ווען דיא מגרפה האט געטאהן אקלאפ. איז דער קויל געווען אזוי הויך. אז איינער האט ניט געקענט הערין וואס זיין חבר האט צו אים גערעט (ושלשה דברים היתה משמשת) צו דרייא זאכין האט מען גיארפט דעם קלאפ פון דיא מגרפה (כהן ששומע את קולה) דער כהן וואס איז ניט געווען אין דיא עזרה אז ער האט געהערט דעם קלאפ פון דיא מגרפה (יודע שאחיו הכהנים נכנסים להשתחוות) האט ער געוואוסט אז זיינע ברידער דיא כהנים גייען אריין זיך בוקין (והוא רץ ובא) איז ער געלאפין אונ איז געקומען צו דיא כהנים אונ האט זיך געבוקט מיט זייא צו זאמען (איז איינס) (ובן לוי שהוא שומע את קולה) אונ אז אלוי האט געהערט דעם קלאפ פון דיא מגרפה (יודע שאחיו הלוים נכנסים לדבר בשיר) האט ער געוואוסט אז זיינע ברידער דיא לוים גייען אריין זינגען (והוא רץ ובא) איז ער געלאפין אונ איז געקומען צו דיא לוים אונ האט געזונגען מיט זייא צו זאמען (איז צווייא) (וראש המעמד) אונ דער עלצטער פון דיא כהנים וואס דארפין טאהן דיא עבודה דעם טאג. אז ער האט געהערט דעם קלאפ פון דיא מגרפה (היה מעמיד את הטמאים בשער המזרח) האט ער געשטעלט דיא כהנים וואס זענען טמא געווארין אונ קענען ניט טאהן היינט דיא עבודה. ביא דעם טויער פון מזרח זייט (ועיין בהרע"ב):

פרק ו **ההלן** עולים במעלות האולם. מי שזכה בדישון מזבח הפנימי והמנורה היו מקדימין לפניהם. מי שזכה בדישון מזבח הפנימי. נכנס ונטל את הטני והשתחוה ויצא. מי שזכה בדישון המנורה נכנס ומצא שני נרות מזרחיים דולקים. מדשן את המזרחי. ומניח את המערבי דולק. שממנו היה מדליק את המנורה בין הערבים. מצאו שכבה מדשנו. ומדליקו ממזבח

פרק ו **ההלן**. אותם שזכו בכף של קטרת ובמחתה של גחלים להיות עולים במעלות האולם. הי״ב מעלות היו לאולם ולפייסה היו מקדימים ללכת מי שזכה בדישון מזבח הפנימי. כדי לסוליא את הטני הניחה שם מאחר שצריך לתת דשן אצל המזבח קדמה כמו דשן המנורה. היה ממתין עד לאחר זריקת התמיד שהיה הוא כה בדשון המנור׳ עושה הטבת שני נרות וגומר השלמת דשון המנורה ואז היו מכניס מניחין זה הטני וזה הכוז ושופכים הדשן במקום אחד אצל המזבח קדמה: והשתחוה ויצא. שעתה נגמרה מצותו: מצאו שכבה. כגון לאחר שמת שמעון הצדיק שלא היה הנס. בין שכבה עכשיו לאחר שחיטת התמיד. בין שמאמש שכבה קודם שחיטת התמיד והדליקו כדאמרן לעיל בפ׳ אמר להם הממונה קמא. אע״פ שמכשיו שמאמש עדיין דולק כיון שלא היה הנס קיים מכבהו ומדשנו כדי לגמור הטבת שתי נרות יחד: ומדליקו מעל מזבח העולה. באין מדליקין נר מערבי

פרק ו א (ההלו עולים במעלות האולם) די כהנים וואס האבן זוכה געוועזן אביין צו טראגן אין היכל די לעפיל קטורת און די פייער פאן קוילן. מקריב צו זיין די קטורת אויף דעם מזבח וואס אין היכל) האבן אן געהויבן ארויף צו גיין אויף די צוועלף טרעפ וואס ביז צום אולם (מי שזכה בדשון מזבח הפנימי והמנורה היו מקדימין לפניהם) די כהנים וואס האבן זוכה געוועזן אראפ צו נעמען די אש פון איינווייניגסטען מזבח. און ריין צו מאכן די מנורה. זענען געגאנגען פאר אויס (מי שזכה בדישון מזבח הפנימי) דער כהן וואס האט זוכה געוועזן אראפ צו נעמען די אש פון איינווייניגסטען מזבח (נכנס ונטל את הטני והשתחוה ויצא) איז ער אריין געגאנגען אין היכל און האט גענומען די קארב מיט די אש. און האט זיך געבוקט. און איז ארויס געגאנגען פון היכל (מי שזכה בדישון המנורה) דער כהן וואס האט זוכה געוועזן ער זאל ריין מאכן די מנורה (נכנס ומצא שני נרות מזרחיים דולקים) איז ער אריין געגאנגען אין היכל אויב ער האט געפונען אז די צווייא קנייטלאך פון די מנורה וואס זענען אין מזרח זייט ברענען נאך (מדשן את המזרחי) דעם לעצטין קנייטיל פון די מנורה וואס ער איז אין גאנצין אין מזרח זייט. האט ער פאר לאשן. און האט ארויס גענומען פון דעם רעריל די אש מיט די איבעריגע בוימאייל און דעם אלטין קנייטול. און האט אריין געלייגט א נייעם קנייטול און אנדערע בוימאייל (ומניח את המערבי דולק) און דעם אנדערין קנייטול וואס צו מערב זייט האט ער געלאזט ברענען (שממנו היה מדליק את המנורה בין הערבים) ווארום פון דעם קנייטול האט ער אן געצונדע אלע קנייטלאך פון די מנורה פארין נאכט (מצאו שכבה) און אויב דער כהן האט געפונען אז דער אנדער קנייטול פון מזרח זייט. וואס ער ווערט גירעכנט צו מערב זייט. איז פאר לאשן געווארן (מדשנו) האט ער ארויס גענומען די אש פון רעריל און האט ארויס גענומען די איבעריגע ביסול בוימאייל מיט דעם אלטין קנייטול. און האט אריין געמאכן אנדערע בוימאייל און א נייעם קנייטול (ומדליקו ממזבח העולה) און ער האט גענומען פייער פון דעם אויסווייניגסטען מזבח וואס

העולה. נטל את הבוז ממעלה שניה והשתחוה ויצא: ב מי שזכה במחתה. צבר את הגחלים ע"ג המזבח. ורדדן בשולי המחתה. והשתחוה ויצא: ג מי שזכה בקטרת. היה נוטל את הבזך מתוך הכף ונותנו לאוהבו או לקרובו. נתפזר הימנו לתוכו נותנו לו בחפניו. ומלמדין אותו. הוי זהיר שלא תתחיל לפניך. שלא תכוה. התחיל

לעולם אלא אש של מזבח העולה דכתיב (ויקרא ו) אש תמיד תוקד על המזבח אש שנאמר בה תמיד, דכתיב (שם כג) להעלות נר תמיד מעל המזבח החיצון תוקד: ממעלה שניה. של [ג'] מעלות שהיו לפני המנורה: והשתחוה ויצא. שהרי גמר מלאכתו: ב צבר את הגחלים. שבמחתה: על גבי המזבח. הפנימי: ורדדן בשולי המחתה. כדי שלא יפול הקטרת מעל הגחלים לפיכך הוא מרקען ופושטן שלא יהיו משופעים אילך ואילך תרגום וירקעו ורדידו ועל מזבח הזהב היה מקטיר ולא בתוך המחתה אבל בקטרת של יום הכפורי' היה מניח הגחלים בתוך המחתה ועליה היה מקטיר ולא היה שם רדוד גחלים ביוה"כ:

ג ונותנו. לכף: לאוהבו. שבא שם עמו להיכל לצורך כך. ואם נתפזר מן הקטרה שבבזך לתוך הכף לפי שהבזך היה מלא וגדוש. ופעמים נפל ממנו לתוך הכף נותן אוהבו את הקטרת שנתפזר בתוך הכף בחפניו של מקטיר: ומלמדים אותו. לפי שלא הקטיר מעולם כדתנן לעיל חדשים לקטורת באו והפיסו לפיכך צריכו ללמדו: שלא תתחיל לפניך שלא תכוה. היה שופך הקטרת על הגחלים מצד מערב רחוק ממנו וכשהיה מתפזר לצד פניו היה נזכר כדאמרי' ביומא (דף מד) כדי שתהא עשנה שוהה לבוא וזהו כבוד שיהא שוהה בעבודה והיה נזכר ועושה הגל לצד מערב שבשבי' לגזור הקטורת הסמוך לו כוה

מען איז אויף אים מקריב קרבנות. אונ ער האט אן גיצונדען דעם קנייטול (נטל את הבוז ממעלה שניה והשתחוה ויצא) אונ ער האט גינומען דעם קריגול בוימאייל. וואס איז גישטאנען אויף דעם אנדערן טרעפ פון דעם שטיין וואס פאר דיא מנורה. אונ ער האט זיך גיבוקט פאר גאט אונ איז ארויס גיגאנגען פון היכל: ב (מי שזכה במחתה) דער כהן וואס האט זוכה גיוועזן אריין צו טראגין דיא פייאר פאן מיט קוילין (צבר את הגחלים על גבי המזבח) האט ער אויס גישאטין דיא קוילין אויף דעם מזבח וואס אויף איב רייכערט מען דיא קטורת (ורדדן בשולי המחתה) אונ מיט דעם דעק פון דיא פייאר פאן האט ער פאר שפרייט דיא קוילין אויף דעם מזבח (והשתחוה ויצא) אונ ער האט זיך גיבוקט. אונ איז ארויס גיגאנגען פון היכל: ג (מי שזכה בקטורת) דער וואס האט זוכה גיוועזן צו רייכערין דיא קטורת אויף דעם מזבח (היה נוטל את הבזך מתוך הכף) האט ער ארויס גינומען דיא קליינע לעפיל וואס איז גיוועזן פול מיט קטורת. פון דיא גרויסע לעפיל אזוי וויא עס שטייט מ"ד פ"ה (ונותנו לאוהבו או לקרובו) אונ דיא גרויסע לעפיל האט ער גיגעבין צו זיין גוטען פריינד אדער צו זיין קרוב. וואס ער האט אים מיט גינומען אין היכל ער זאל אים געבין צו האלטין דיא גרויסע לעפיל (נתפזר הימנו לתוכו) אויב אביסול קטורת איז אריין גיפאלין פון דיא קליינע לעפיל אין דיא גרויסע לעפיל (נותנו לו בחפניו) זאל דער קרוב ארויס נעמען דיא קטורת פון דיא גרויסע לעפיל אונ זאל געבין דעם כהן אין האנט (ומלמדין אותו) אונ מען לערינט אים וויא ער זאל רייכערין דיא קטורת. אונ מען זאגט צו אים (הוי זהיר שלא תתחיל לפניך) דוא זאלסט דיך היטען דוא זאלסט ניט ארויף שיטען דיא קטורת אויף דיא קוילין נעבין דיר (שלא תכוה) דוא זאלסט ניט פאר בריהען דיא האנט ווארע ער איז גישטאנען אין מזרח זייט

מרדד ויוצא. לא היה המקטיר מקטיר עד שהממונה אומר לו הקטר. אם היה כהן גדול. הממונה אומר אישי כהן גדול הקטר. פרשו העם. והקטיר והשתחוה ויצא:

פרק ז **בזמן** שכהן גדול נכנס להשתחוות שלשה אוחזין בו. אחד בימינו. ואחד בשמאלו. ואחד באבנים טובות. וכיון ששמע הממונה קול רגליו של כ"ג. שהוא יוצא. הגביה לו את הפרוכת. נכנס והשתחוה ויצא. ונכנסו אחיו

עברו לצד מערב רחוק ממנו ולאו נכוס מן הקטרת שנשרף אבל אם היה עומד סגל לפניו כשיאסף הקטרת שנתפזר חולה לו ומביא אללו כמלא זרועו נכוס בלבור הקטרת שבורף לפניו והיינו דתניא בפרק הוליאו לו (סוף דף כב) לובר פנימ' שהוא חולה לו: התחיל מרדד ויוצא. כלומ' מיד מרדד הקטרת על גבי גחלים ילא: פרשו העם. כל הכהנים פורשים מבין האולם ולמזבח בשעת הקטרת הקטורת. דכתיב (ויקרא טז) וכל אדם לא יהיה באהל מועד בבואו לכפר בקדש. כלכפר שנעשית בקדש. כל אדם לא יהיה באהל מועד. הלכך הגביה לו את הפרוכת. שתלוי בפתחו של בין בשעת הקטרה בין בשעת מתן דמים של אולם שלא היה לפתחו של אולם דלתות כבהר

פי כהן משיח ופי הפעלם דבר של צבור ושעירי ע"ג. היו הכהנים פורשים מבין האולם למזבח אבל בשעת הקטרת קטורת של יה"כ לא היו פורשים אלא מן ההיכל בלבד לפי שהקטורת של יום הכפורים לא היה בהון בהיכל על מזבח הזהב אלא לפני ולפנים בבית קדש הקדשים הלכך אין לריך שיפרשו מבין האולם ולמזבח אלא מן ההיכל בלבד:

פרק ז **בזמן** שכהן גדול נכנס להשתחו' בהיכל ולא מיקרי ביאה שלא לצורך: באבנים טובות. של כתפות האפוד:

מִזְבֵּחַ. אוּנ דִיא קְטוֹרֶת הָאט עֶר אַרוֹיף גִישָׁאטְן אוֹיף דִיא קוֹילִין וָואס אִין מַעֲרָב זַייט מִזְבֵּחַ (הִתְחִיל מְרַדֵּד וְיוֹצֵא) אוּנ עֶר הָאט פַאר שְׁפְּרֵייט דִיא קְטוֹרֶת אוֹיף דִיא קוֹילִין. אוּנ אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן הֵיכָל (לֹא הָיָה הַמַּקְטִיר מַקְטִיר) דֶער כֹּהֵן וָואס הָאט גִיבַארְפְט בֵּייקֶערִין דִיא קְטוֹרֶת. הָאט נִיט גִיטָארְט אַרוֹיף שִׁיטֶען דִיא קְטוֹרֶת אוֹיף דִיא קוֹילִין (עַד שֶׁהַמְּמוּנֶּה אוֹמֵר לוֹ הַקְטֵר) בִּיז דֶער גַּבַּאי הָאט גִיזָאגְט צוּ אִים. שִׁיט אַרוֹיף דִיא קְטוֹרֶת אוֹיף דִיא קוֹילִין (אִם הָיָה כֹּהֵן גָּדוֹל) אוֹיבּ דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל הָאט גִיבֵּייקֶערְט דִיא קְטוֹרֶת (הַמְּמוּנֶּה אָמַר אִישִׁי כֹּהֵן גָּדוֹל הַקְטֵר) הָאט דֶער גַּבַּאי גִיזָאגְט מַיין הַאר כֹּהֵן גָּדוֹל שִׁיט אַרוֹיף דִיא קְטוֹרֶת אוֹיף דִיא קוֹילִין (פָּרְשׁוּ הָעָם) דִיא אַלֶע כֹּהֲנִים וָואס זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען צְווִישֶׁען אוּלָם אוּנ מִזְבֵּחַ. הָאבִּין גִימוּזְט פוּן דָארְט אַוֶועק גֵיין וֶוען מֶען הָאט גִיבֵּייקֶערְט דִיא קְטוֹרֶת אוֹיף דֶעם גָאלְדֶענֶעם מִזְבֵּחַ וָואס אִין הֵיכָל (וְהִקְטִיר וְהִשְׁתַּחֲוָה וְיָצָא) דֶער כֹּהֵן הָאט אַרוֹיף גִישָׁאטְן דִיא קְטוֹרֶת אוֹיף דִיא קוֹילִין. אוּנ הָאט זִיךְ גִיבּוּקְט. אוּנ אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן הֵיכָל:

פרק ז א (בִּזְמַן שֶׁכֹּהֵן גָּדוֹל נִכְנָס לְהִשְׁתַּחֲווֹת) אַז דֶער כֹּהֵן גָּדוֹל אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין הֵיכָל זִיךְ בּוּקִין (שְׁלֹשָׁה אוֹחֲזִין בּוֹ) הָאבֶּען אִים דְרַיי כֹּהֲנִים גִיהַאלְטְן (אֶחָד בִּימִינוֹ) אֵיינֶער אִין דִיא רֶעכְטֶע זַייט (וְאֶחָד בִּשְׂמֹאלוֹ) אוּנ אֵיינֶער אִין דִיא לִינְקֶע זַייט (וְאֶחָד בָּאֲבָנִים טוֹבוֹת) אוּנ אֵיינֶער הָאט צוּא גִיהַאלְטְן דִיא טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער פוּן אֵפוֹד (וְכֵיוָן שֶׁשָּׁמַע הַמְּמוּנֶּה קוֹל רַגְלָיו שֶׁל כֹּהֵן גָּדוֹל שֶׁהוּא יוֹצֵא) אַז דֶער גַּבַּאי הָאט גִיהֶערְט דִיא טְרִיט פוּן כֹּהֵן גָּדוֹל אַז עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן זַיין אָרְט וְוא עֶר אִיז גִיוֶועזְן. אִיז עֶר גִילָאפִין (הִגְבִּיהַּ לוֹ אֶת הַפָּרוֹכֶת) אוּנ הָאט אוֹיף גִיהוֹיבִּין דֶעם פָּרוֹכֶת וָואס אִיז גִיהַאנְגֶען פַאר דִיא טִיר פוּן אוּלָם (נִכְנַס וְהִשְׁתַּחֲוָה וְיָצָא) אוּנ עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען אִין הֵיכָל אוּנ

**ב** באו הכהנים והשתחוו ויצאו: באו ועמדו על מעלות האולם. עמדו הראשונים לדרום אחיהם הכהנים. וחמשה כלים בידם. הטני ביד אחד. והכוז ביד אחד. והמחתה ביד אחד. והבזך ביד אחד. וכף וכסויה ביד אחד. וברכו את העם ברכה אחת. אלא שבמדינה אומרים אותה שלש ברכ׳ות. ובמקדש ברכה אחת. במקדש היו אומרים את השם ככתבו. ובמדינה בכנויו. במדינה הכהנים נושאים את (כפיהם) ידיהם כנגד כתפותיהם. ובמקדש ע״ג ראשיהן.

**ב** באו ועמדו. לאחר שברכו וקראו ועשו העבודות האמורות לעיל. באו למעלות האולם: עמדו הראשונים. אלו החמשה כהנים שבידם חמשה כלים כו׳: וברכו את העם ברכה אחת. יסן ג׳ פסוקים של ב״כ. יברכך. יאר. ישא. וקרי להו ברכה אחת. לפי שלא היו עונין אחריהן אמן בין פסוק לפסוק. כדרך שעושים בגבולים: את השם ככתבו. ביו ד ה״א: ובמדינה בכנויו. באל״ף דל״ת שאין מזכירין את השם ככתבו אלא במקדש בלבד שנאמר (שמות כ) בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך וברכתיך כרסהו והרסהו בכל מקום אשר אבא אליך וברכתיך דהיינו במקדש שם אזכיר את שמי: כנגד כתפותיהם. נשיאות כפים דכתיב וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם. וכתיב (דברים יח) שצריכים נשיאות כפים הוא ובניו כל הימים מה הוא בנשיאות כפים אף בניו בנשיאות כפים כל הימים: ובמקדש.

ת״ם באו אחיו הכהנים והשתחוו ויצאו) אונ די אנדערע כהנים זענען אויך אריין גיגאנגען אין היכל אונ האבין זיך גיבוקט אונ איז ארויס גיגאנגען האט זיך גיבוקט ברידער זייגע די כהנים זענען אויך אריין גיגאנגען אין היכל אונ האבין זיך גיבוקט אונ זענען ארויס גיגאנגען: ב (באו ועמדו על מעלות האולם) די כהנים וואס האבען גילייענט קריאת שמע אונ האבען אפ גיטאהן די אלע עבודות זענען זיי גיקומען אונ האבין זיך גישטעלט אויף די שטיגען (טרעפ) וואס מען גייט ארויף צום אולם (עמדו הראשונים לדרום אחיהם הכהנים) אונ די ערשטע פינף כהנים וואס האבען אפ גיטאהן פריער זייער עבודה. האבען זיך גישטעלט אין דרום זייט פון די איבעריגע כהנים (וחמשה כלים בידם) אונ זיי האבין גיהאלטען אין די הענט פינף כלים (הטני ביד אחד) איינער האט גיהאלטין אין האנט א קארב (והכוז ביד אחד) אונ איינער האט גיהאלטין אין האנט א קרוג (והמחתה ביד אחד) אונ איינער האט גיהאלטען אין האנט א פייער פאן (והבזך ביד אחד) אונ איינער האט גיהאלטין אין האנט א קליינע לעפיל (וכף וכסויה ביד אחד) אונ איינער האט גיהאלטען אין האנט א גרויסע לעפיל מיט א צודעק (וברכו את העם ברכה אחת) אונ זיי האבען גיבענטשט דעם פאלק איין ברכה יברכך אונ יאר אונ ישא. ווייל מען האט ניט גיענטפערט אמן נאך יעדער פסוק. (אלא שבמדינה אומרים אותה שלש ברכות) אין די מדינה האט מען גיזאגט דריי ברכות. נאך יעדער פסוק האט מען גיענטפערט אמן. איז דאס היסט דאס איין ברכה (ובמקדש ברכה אחת) אונ אין בית המקדש האט מען דאס גיזאגט צו זאמען איין ברכה. מען האט ניט גיענטפערט אמן נאך יעדער פסוק (במקדש היו אומרים את השם ככתבו) אין בית המקדש פלעגט מען זאגין דעם שם אזוי וויא ער איז געשריבען (ובמדינה בכנויו) אונ אין די מדינה האט מען גיזאגט דעם שם אויף איין אנדער אמען. ועשריבען איז יהוה. אונ מען זאגט אדני (במדינה הכהנים נושאים את ידיהם כנגד כתפותיהם) ווען די כהנים דוכנן אין די מדינה הייבין זיי אויף זייערע הענט געגין זייערע אקסלען (ובמקדש על גבי ראשיהם) אונ ווען די כהנים האבען גידוכנט

שמברכים את העם בשם המפורש ושכינה למעלה מקשרי אצבעותיהם מגביהים ידיהם למעלה מראשיהם: שאין מגביה ידיו למעלה מן הציץ. מפני שהשם כתוב בו: ר' יהודה אומר כו'. ואין הלכה כר"י: ג בזמן שכ"ג רוצה להקטיר. שהוא מקטיר כל זמן שירצה ונוטל חלק בשירצה: למחצית הכבש. וכבר נתיגע קצת: וסמך עליהן. משום כבודו של כ"ג שהיא חשובה הקטרתו יותר מאחר כהנים: וזרקן. כדדריך ועשית עולותיך הבשר והדם (דברים יב) מה דם בזריקה אף בשר בזריקה: נשמט השני והלך לו. אבל הראשון נשאר שם לקבל האברים מן המוציאים וליתן לכ"ג:

חוץ מכהן גדול. שאין מגביה את ידיו למעלה מן הציץ. רבי יהודה אומר. אף כ"ג מגביה את ידיו למעלה מן הציץ. שנאמר (ויקרא ט) וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם: ג בזמן שכהן גדול רוצה להקטיר היה עולה בכבש והסגן בימינו. הגיע למחצית הכבש. אחז הסגן בימינו והעלהו. הושיט לו הראשון הראש והרגל. וסמך עליהם וזרקן. הושיט השני לראשון שתי הידים נותנן לכ"ג וסמך עליהם וזרקן. נשמט השני והלך לו.

אין בית המקדש האבען זייא אויף געהויבען דיא הענט איבער דיא קעפ (חוץ מכהן גדול) נאר דער כהן גדול האט ניט געהאלטין דיא הענט איבער זיין קאפ (שאין מגביה את ידיו למעלה מן הציץ) ווייל ער האט ניט געטארט אויף הייבין דיא הענט העכער וויא דיא גאלדענע בלעך וואס איז געווען אויף זיין שטערין. ווייל אויף דיא בלעך איז געווען געשריבען דיא ווערטער "קדש ליהוה". רבי יהודה זאגט (אף כהן גדול מגביה את ידיו למעלה מן הציץ) דער כהן גדול האט אויך אויף געהויבין דיא הענט העכער וויא דיא גאלדענע בלעך וואס אויף זיין שטערין. פון וואנען ווייסין מיר אז מען דארף אויף הייבין דיא הענט אז מען בענשט איינעם (שנאמר) אזוי וויא עס שטייט אין פסוק (וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם) אהרן האט אויף געהויבין זיינע הענט צום פאלק אונ ער האט זייא געבענשט: ג (בזמן שכהן גדול רוצה להקטיר) אז דער כהן גדול האט געוואלט מקריב זיין א קרבן (היה עולה בכבש) איז ער ארויף געגאנגען אויף דעם כבש דאס איז דיא ברעט וואס איז געווען אן געשפארט אויף דעם מזבח. ארויף צוא גיין דורך דיא ברעט אויף דעם מזבח (והסגן בימינו) אונ דער סגן איז געגאנגען בייא זיין רעכטע האנט (אז דער כהן גדול זעהט קרי אום יום כפור. אונ ער ווערט פסול צוא טאהן דיא עבודה. איז געווען אן גרייט איין אנדער כהן ער זאל טאהן דיא עבודה. דער כהן הייסט סגן. אונ ער פלעגט מיט גיין מיט דעם כהן גדול) (הגיע למחצית הכבש) אז דער כהן גדול איז געקומען ביז צוא האלבין כבש (אחז הסגן בימינו והעלהו) האט דער סגן אן גענומען דעם כהן גדול בייא זיין רעכטע האנט אונ האט אים ארויף געפירט אויף דעם מזבח (הושיט לו הראשון הראש והרגל) דער ערשטער כהן האט דער לאנגט צום כהן גדול דיא קאפ מיט דיא פוס (וסמך עליהם וזרקן) אונ דער כהן גדול האט ארויף געלייגט דיא הענט אוף דעם קאפ מיט דיא פוס. אונ האט זייא אוועק געטאהן אויף דעם פייער (הושיט השני לראשון שתי הידים) דער אנדערער כהן האט געגעבין צום ערשטין כהן דיא צווייא פאדערשטע פיס (נותנן לכהן גדול) אונ דער ערשטער כהן האט געגעבין צום כהן גדול דיא צווייא פאדערשטע פיס (וסמך עליהם וזרקן) אונ דער כהן גדול האט ארויף געלייגט דיא הענט אויף דיא צוויי פיס. אונ האט זייא אוועק געטאהן אויף דעם פייער (נשמט השני והלך לו) אונ דער אנדערער כהן

וכך היו מושיטין לו שאר כל האיברין והוא סומך עליהן וזורקן. ובזמן שהוא רוצה. הוא סומך. ואחרים זורקין. בא לו להקיף את המזבח. מהיכן הוא מתחיל. מקרן דרומית מזרחית. מזרחית צפונית. צפונית מערבית. מערבית דרומית. נתנו לו יין לנסך. הסגן עומד על הקרן והסודרים בידו ושני כהנים עומדים על שלחן החלבים. ושתי חצוצרות (של כסף) בידם. תקעו. והריעו. ותקעו. באו ועמדו

בא לו להקיף את המזבח. כ״ג היה בראש הכבש שהוא בדרום מקיף דרך ימין דכל פינות שאתה פונה לא יהיו אלא דרך ימין להכי היה הולך למזרחית דרומית ומשם לצפונית מזרחית עד שמגיע למערבית דרומית מקום הנקבים שהיין והמים שמנסכים יורדין בהן ומשם הולכים לשיתין שהן היסודות. ושם עומד כהן א׳ ומושיט לו היין לנסכים. אבל כ״ג לא היה נושא היין עמו שמא יתקלקל היין בעשן המערכה כשמקיף את המזבח. ובעוד שהוא מקיף מספק בגזרה דהיינו מזלג את האברים שלא נתאכלו על המזבח. אבל שאר הכהנים ההדיוטים נסוך היין הולכים דרך שמאל מן הכבש לדרומית מערבית. שהוא קרוב לכבש כדתנן פ׳ ק״ק כל העולין הולכים דרך ימין חוץ מן העולה לג׳ דברים לנסוך היין והמים ועולת העוף. היין והמים שלא יתעשנו ועולת העוף כדי שלא תמות בעשן. וכ״ג שדומה לבן בית יש לו רשות להלך כמו שהוא חפץ. מה שאין שאר כהנים רשאים לעשות כן. וגם יש לו רשות לספק בגזרה בלא פייס. יש לו להקיף כדי ללכת דרך ימין: הסגן עומד על הקרן. אצל הכ״ג שבא לנסך: והסודרים בידו. להניף כשינסך הכהן. כדי שידעו הלוים וידברו בשיר וידע בן ארזא ויקיש בצלצל כדאמר בסמוך: על שלחן החלבים. שתי שלחנות היו במערבו

---

אין אוועק גיגאנגען (וכך היו מושיטין לו שאר כל האברים) אונ אזוי האט מען גיגעבין צום כהן גדול דיא איבעריגע שטיקער פלייש והער ערשטער כהן איז דארט גישטאנען געבין כהן גדול. אונ אלע כהנים האבען גיגעבין דיא שטיקער פלייש צום ערשטין כהן. אונ דער ערשטער כהן האט גיגעבין צום כהן גדול (והוא סומך עליהן וזורקן) אונ דער כהן גדול האט ארויף גילייגט דיא הענט אויף אלע שטיקער. אונ האט זייא אהארף גיטאהן אויף דעם פייער (ובזמן שהוא רוצה) אונ אז דער כהן גדול האט גיוואלט (הוא סומך ואחרים זורקין) האט ער ארויף גילייגט דיא הענט אויף דיא פלייש. אונ אנדערע כהנים האבין גיווארפין דיא פלייש אויף דעם פייער (בא לו להקיף את המזבח) אז דער כהן גדול האט גיוואלט גיין ארום מזבח. ער זאל גיסען דיא וויין אויף דעם מזבח (מהיכן הוא מתחיל) פון וועלכער זייט האט ער אן גיהויבין צוא גיין (מקרן דרומית מזרחית) פון ווינקול דרום אונ מזרח (מזרחית צפונית) ביז ער איז גקומען צום ווינקול מזרח אונ צפון (צפונית מערבית) אונ ער איז גיקומען צום ווינקעל צפון אונ מערב (מערבית דרומית) אונ ער איז גיקומען צום ווינקול מערב אונ דרום (נתנו לו יין לנסך) אונ מען האט גיגעבין צום כהן וויין ער זאל גיסען אויף דעם מזבח (הסגן עומד על הקרן) אונ דער סגן איז גישטאנען ביים דעם ווינקול נעבין כהן גדול (והסודרים בידו) אונ ער האט גיהאלטין אין דער האנט אמאנטיל „אזויא וויא אפאן״ (ושני כהנים עומדים על שולחן החלבים) אונ צווייא כהנים זענען גישטאנען ביים דעם מארמער שטיינערנעם טיש וואס אויף אים איז גילעגין דיא חלב (ושתי חצוצרות של כסף בידם) אונ זייא האבין גיהאלטין אין דיא הענט צווייא זילבערנע טרומייטין ודער האט גיהאלטין איין טרומייט. אונ דער האט גיהאלטין איין טרומייט (תקעו והריעו ותקעו) אונ זייא האבין גיבלאזין אתקיעה אתרועה אונ אתקיעה (באו ועמדו אצל בן ארזא) אונ די צווייא

במערבו של כבש ה׳ שלחן של כסף שבו נותנין כלי שרת וא׳ בלחן של שיש שבו נותנים האברין והיא נקראת שלחן החלבים: בן ארזא. הם אדם המקים בצלצל נמב ל בלע״ז: הגיעו לפרק. לסוף פרשה: ד בראשון לה׳ הארץ ומלואה. לפי שהוא דהשין למעשה ברחשית: בשני גדול ה׳. שבו נחלקו המים והיה רקיע בין מים למים: בשלישי אלהים נצב בעדת אל. שבו נראת היבשה בגלים עומדים הדיינין לשבות דין: ברביעי אל נקמות. שבו נבראו השמש וילה והכוכבים שעתיד סקב״ה

אצל בן ארזא אחד מימינו ואחד משמאלו. שחה לנסך והניף הסגן בסודרין. והקיש בן ארזא בצלצל. ודברו הלוים בשיר. הגיעו לפרק. תקעו והשתחוו העם. על כל פרק תקיעה. ועל כל תקיעה השתחויה. זה הוא סדר התמיד לעבודת בית אלהינו. יהי רצון שיבנה במהרה בימינו אמן: ד השיר שהיו הלוים אומרים במקדש. ביום הראשון היו אומרים. לה׳ הארץ ומלואה תבל ויושבי בה. בשני היו אומרים. גדול ה׳ ומהולל מאד בעיר אלהינו הר קדשו. בשלישי היו אומרים. אלהים נצב בעדת אל בקרב אלהים ישפוט. ברביעי היו אומרים. אל נקמות ה׳

---

כהנים זענען גיקומען אונ האבין זיך גישטעלט נעבין דעם מענטש וואס האט גיהייסין בן ארזא (אחד מימינו ואחד משמאלו) איינער האט זיך גישטעלט ביא זיין רעכטע האנט. אונ איינער האט זיך גישטעלט ביי זיין לינקע הנט (שחה לנסך) אונ אז דר כהן גדול הט זיך איין גיבויגין צו גיסן די וויין (והניף הסגן בסודרין) הט דר סגן אויף גיהויבין דיא פאן (והקיש בן ארזא בצלצל) הט בן ארזא אן גיהויבין שפילען אויף דעם צימבול (ודברו הלוים בשיר) אונ דיא לוים האבין אן גיהויבין צוא זינגען (הגיעו לפרק) אז דיא לוים זענען גיקומען צו אהוים לאז (ואהום דיא לוים האבין גיזונגען אקאפיטל תהלים אזוי וויא עס שטייט אין דיא אנדערע משנה) אונ זייא האבין צו טיילט דעם קאפיטל אין דרייא טייל. צו יעדער טייל האבין זייא אוים גילאזט דעם ניגון. אונ ווען זייא האבין דעם ניגון אוים גילאזט (תקעו) האבין גיבלאזין דיא כהנים אתקיעה אונ אתרועה אונ אתקיעה (והשתחוו העם) אונ דאס פאלק וואס זענען גיוועז אין דיא עזרה האבין זיך גיבוקט (על כל פרק תקיעה) צו יעדער מאהל וואס דיא לוים האבין אוים גילאזין אניגון. האבין דיא כהנים גיבלאזין אתקיעה אונ אתרועה אונ אתקיעה (ועל כל תקיעה השתחויה) אונ ווען דיא כהנים האבין גיבלאזין. האבין זיך דאס פאלק גיבוקט (זה הוא סדר התמיד לעבודת בית אלהינו) אזוי האט מען מקריב גיוועז דעם תמיד אין דעם בית המקדש (יהי רצון שיבנה במהרה בימינו אמן) עס זאל זיין דער ווילען פון גאט אז דער בית המקדש זאל גיבויאהט ווערין געשווינד אין אונזערע צייטין אמן: ד (השיר שהיו הלוים אומרים במקדש) דיא קאפיטלאך תהלים האבין דיא לוים גיזונגען אין בית המקדש (ביום הראשון היו אומרים) דעם ערשטין טאג אין וואך (זונטאג) פלעגין זייא זאגין דעם קאפיטל לה׳ הארץ ומלואה תבל ויושבי בה (בשני היו אומרים) דעם אנדערין טאג אין וואך (מאנטאג) פלעגין זייא זאגין דעם קאפיטל גדול ה׳ ומהולל מאוד בעיר אלהינו הר קדשו (בשלישי היו אומרים) דעם דריטען טאג אין וואך (דינסטאג) פלעגין זייא זאגין דעם קאפיטל אלהים נצב בעדת אל בקרב אלהים ישפוט (ברביעי היו אומרים) דעם פערטין טאג אין וואך (מיטוואך) פלעגין זיי זאגן דעם קאפיטל אל נקמות ה׳ אל נקמות הופיע וגו׳ (בחמישי היו

אל נקמות הופיע וגו'. בחמישי היו אומרים. הרנינו לאלהים עוזנו הריעו לאלהי יעקב. בששי היו אומרים. ה' מלך גאות לבש וגו'. בשבת היו אומרים. מזמור שיר ליום השבת מזמור שיר לעתיד לבא ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים:

נשלמה מסכת תמיד

הקב"ה להנקם מן העובדים להם: בחמישי הרנינו לאלהים עוזנו. שבו נבראו בעלי חיים שהרואה אותן מרנן ומשבח לבוראו: בששי ה' מלך. שבו נגמרה הבריאה ובו נברא אדם שמכיר מלכותו של יוצרו: מנוחה לחיי העולמים. כלו' תנא סבר לה כמ"ד שתא אלפי שני הוי עלמא וחד חרוב. ועל שם שבאלף השביעי לא יהיה כי אם הקב"ה שנא' (ישעיה ב) ונשגב ה' לבדו ביום ההוא לכך אומרים בשבת מזמור שיר ליום השבת. לאלף השביעי. שיומו של הקב"ה אלף שנה:

סליק מסכת תמיד

# מסכת מדות

**בשלשה** מקומות הכהנים שומרים בבית המקדש. בבית אבטינס. ובבית הניצוץ. ובבית המוקד. והלוים בעשרים ואחד מקום. חמשה על חמשה שערי הר הבית. ארבעה על ארבע פנותיו

**בשלשה** מקומות הכהנים שומרים. לא מפני פחד לסטים והגנבים. אלא שכבוד וגדולה הוא לבית שלא יהא בלא שומרים והשמירה זו מלותה כל הלילה והני ג' מקומות שהכהנים שומרים כנגד מה שכתוב בתורה (במדבר ג) והחונים לפני המשכן קדמה וגו' שומרים משמרת למשמרת רמז לג' משמרות בג' מקומות. וכשם שבמשכן היו הכהן ובניו שומרים בשלשה מקומות. אף בבית עולמים כן: בית אבטינס ובית הנצוץ שתי עליות היו בנויות בצד שערי העזרה. ובית המוקד לא היתה עליה אלא כיפה ארקוו"ט בלע"ז עשויה בארץ. כך מפורש בריש מסכת תמיד: והלוים בא"ד ועשרים מקום. שבכ"ד מקומות היו צריכים לשמור המקדש. כדכתיב בד"ה למזרח הלוים ששה. לצפונה ליום ארבעה. לנגבה ליום ארבעה. ולאספים שנים שנים. לפרבר למערב ארבעה למסלה. ושנים לפרבר. הרי כאן כ"ד משמרות ג' מהן היו לכהנים כדאמרן ברישא וכ"א ללוים אע"ג דקרא לא אמר אלא לוים. הכהנים נמי קרויין לוים דכתיב (יחזקאל מד) והכהנים הלוים בני צדוק: חמשה. שומרים. על ה'

---

אומרים) דעם פינפטען טאג אין וואך (דאנערשטאג) פלעגן זייא זאגן דעם קאפיטל הרנינו לאלהים עוזנו הריעו לאלהי יעקב (בששי היו אומרים) דעם זעקסטען טאג אין וואך (פרייטאג) פלעגן זייא זאגן דעם קאפיטל ה' מלך גאות לבש וגו' (בשבת היו אומרים) שבת פלעגן זיי זאגן דעם קאפיטל מזמור שיר ליום השבת. נאך פלעגן זייא זאגן מזמור שיר לעתיד לבא ליום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים:

פרק א א (בשלשה מקומות הכהנים שומרים בבית המקדש) אין דרייא ערטער אין בית המקדש זענען די כהנים גיוועזן גאנצע נעכט אונ האבן געהיט. וועלכע זענען די דרייא ערטער (בבית אבטינס) אין בית אבטינס (ובבית הניצוץ) אין בית הניצוץ (ובבית המוקד) אונ אין בית המוקד (ועיין במס' תמיד פ"א מ"א) (והלוים בעשרים ואחד מקום) אונ די לוים האבן געהיט אין איין אונ צוואנציג ערטער (חמשה על חמשה שערי הר הבית) פינף האבן געהיט ביי די פינף טויערן וואס זענען גיוועזן אויף דעם בארג וואס דער בית המקדש איז אויף אים געשטאנען (ארבעה על ארבע פנותיו מתוכו) פיר

מערי הר הבית: וד'. שומרים אחרים על ד' זויותיו: מתוכו. מבפנים לחומת הר הבית: על ה' שערי עזרה. אלו הנה בכר ה' שערים בלבד היו לעזרה ואפי' לדברי האומר לקמן ז' שערים היו. מודה שלא היה משמר אלא על ה': על ד' פנותיה מבחוץ. לפי שאין יושבים בעזרה אלא למלכי בית דוד בלבד ולא היה אפשר לשומר לעמוד בעמידה כל הלילה. לפיכך היו השומרים בפנות העזרה וכן השומרי' בפנ"י העזרה עומדים מבחוץ כדי שיהיו מותרין בישיבה. והסמכוה אקרא. דכתיב פנים לפרבר. כלפי בר. כלומר חוץ לחומת העזרה: **ב** איש הר הבית. ממונה על כל משמרו. ראב"י אומר. פעם א' מצאו

מתוכו. חמשה על חמשה שערי העזרה. ארבעה על ארבע (פנותיה) מבח"ץ. ואחד בלשכת הקרבן. ואחד בלשכת הפרכת. ואחד לאחורי בית הכפורת: **ב** איש הר הבית היה מחזר על כל משמר ומשמר. ואבוקות דולקין לפניו. וכל משמר שאינו עומד. אומר לו איש הר הבית. שלום עליך. ניכר שהוא ישן חובטו במקלו. ורשות היה לו לשרוף את כסותו. והם אומרים מה קול בעזרה. קול בן לוי לוקה ובגדיו נשרפין שישן לו על את אחי אמא ישן ושרפו את כסותו:

ה'

---

האבין געהיט בייא דיא פיר ווינקלען פון דיא מאהער וואס ארום דעם הר הבית. אונ זייא האבין געהיט אינוויינג (חמשה על חמשה שערי העזרה) פינף האבין געהיט בייא דיא פינף טויערין פון דיא עזרה (ארבעה על ארבע פנותיה מבחוץ) פיר האבין געהיט בייא דיא פיר ווינקלען פון דיא עזרה. אונ זייא האבין געהיט אויסווייניג. זייא זאלין קענען זיצען. ווארום אין דיא עזרה טאר מען ניט זיצען. אונ דיא וואס האבין געהיט דיזע טויערין פון דיא עזרה. האבין אויך געהיט אויכווייניג. זייא זאלין קענען זיצען (ואחד בלשכת הקרבן) אונ איינער האט געהיט אין דיא שטוב וואו דיא קרבנות זענען גישטאנגען (ואחד בלשכת הפרוכת) אונ איינער האט געהיט אין דיא שטוב וואו דיא פרוכתין ליגען (ואחד לאחורי בית הכפורת) אונ איינער האט געהיט אינטער דעם קדשי קדשים:

**ב** (איש הר הבית) דער שר פון הר הבית (היה מחזר על כל משמר ומשמר) פלעגט גיין צו דיא אלע ערטער וואס דיא וועכטער שטייען. ער זאל זעהן אויב יעדער וועכטער איז שוין אויף זיין ארט (ואבוקות דולקין לפניו) אונ פלאמען פייער האבין גיברענט פאר אים. עס זאל זיין ליכטיג צו גיין (וכל משמר שאינו עומד) אונ דער וועכטער וואס איז ניט גישטאנען נאר ער איז גילעגין. אונ מען האט ניט גיוואוסט צו ער שלאפט צו ער וואכט (אומר לו איש הר הבית) האט דער שר פון הר הבית גיזאגט צו אים (שלום עליך) פריד אויף דיר (ניכר שהוא ישן) אז מען האט דער קענט דער וועכטער שלאפט (חובטו במקלו) האט דער שר אים גישלאגין מיט אשטעקין (ורשות היה לו לשרוף את כסותו) אונ דער שר האט גימעגט פאר ברענען דיא קליידער פון דעם וועכטער (והם אומרים) אונ דיא מענטשין וואס זענען גיוועזן אין דיא עזרה האבין גיפרעגט (מה קול בעזרה) וואס איז דער גישרייא וואס מען הערט אין דיא עזרה. האט מען גיענטפערט (קול בן לוי לוקה ובגדיו נשרפין שישן לו על משמרו) דער געשרייא איז פון צלוי וואס מען שלאגט אים אונ מען פאר ברענט זיינע קליידער ווייל ער איז גישלאפין אויף דיא וואך זיינע. רבי אליעזר בן יעקב זאגט (פעם אחד מצאו את אחי אמא ישן) אמאהל האט מען גיפונען מיין מוטערס ברודער (ער איז גיוועזן א לוי) אונ ער איז גישלאפין